גליון

# באור החיים

פרשת וירא - תשפ"ו לפ"ק

גליון תתנ"ד

יד"נ לאור ע"י

איחוד תלמידי וחסידי טאהש



הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי

הרה"ח ר' פנחס ברוך האלפערין שליט"א

לע"נ אביו הרה"ח ר' מרדכי יודא לייב בן ר' אהרן ע"ה

היארצייט ביום כ"ג חשון - עש"ק חיי שרה הבעל"ט

ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה


## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע


המדור הזה נתנדב ע"י מוה"ר שלמה אליעזר סג"ל גליקמאן הי"ו (ב"פ)

לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב

ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


### כדי לראות נביאת השם בהקיץ צריך לזכך ולטהר גופו מכל וכל

**וירא אליו ה' באלוני ממרא והוא יושב פתח האהל כחום היום.**

כבר הוקשו בזוה"ק (צ"ח ע"א) למה כתיב וירא אליו ה', ולא נזכר שמו כמו בפרשה דלעיל דכתיב וירא ה' אל אברם.

ויבואר על פי מה שאמרו ח"ל בפרקי דרבי אליעזר (פכ"ט) בוא וראה כוחה של מילה, שעד שלא נימול אברהם היה נופל על פניו, ואח"כ אני מדבר עמו, שנאמר ויפל אברהם על פניו, עכשיו שנמול הוא יושב ואני עומד, שנאמר והוא יושב פתח האהל וגו'.

והענין זה מבואר בספרים הק' על פי מה שמצינו בפרשת בהעלותך שאמר הקב"ה לאהרן ומרים (במדבר יב, ו-ח), "אם יהיה נביאכם ה' במראה אליו אתודע בחלום אדבר בו, לא כן עבדי משה בכל ביתי נאמן הוא, פה אל פה אדבר בו, ומראה ולא בחידות", פי' כי בכל הנביאים מצינו שלא יכלו לראות הנבואה בהקיץ, עד שנפלו על פניהם, כי אף שכבר זיככו גופם עד שזכו למראה הנבואה, אעפ"כ עדיין לא נזדכך גופם מכל וכל, וכח הגופני שלהם עדיין היה מעכב את גילוי אלקות עליהם כראוי, לכן הוצרכו להתבטל ממעמדם וליפול על פניהם, ואז יוכלו לקבל הנבואות, אבל משה רבינו ע"ה אב לכל הנביאים, הוא זכה לזכך חומר גופו מכל וכל, ולהפכו לצורה רוחניות, לכן זכה להתגלות הנבואה גם בעמדו בהקיץ.

ובזה יובנו דברי חז"ל בפרקי דרבי אליעזה, כי עד שאברהם אבינו לא קיים מצות מילה, היה צריך ליפול על פניו, מפני שעד אז עדיין לא נזדכך גופו בשלימות, ועל ידי מצות מילה נזדכך גופו בשלימות, על כן מעתה שוב לא הוצרך גופו להתבטל כדי לזכות להתגלות ה' אלא זכה להתגלות הנבואה בהקיץ.

ובזה יתורץ למה כתיב וירא אליו ה', ולא וירא ה' אל אברהם, על פי מה שכתב האריז"ל כי שמו של האדם שנקרא בו, הוא חלק שורש נשמתו וחיותו למעלה, ולכן עד עתה כתיב וירא ה' אל אברהם, כי לא התגלה ה' אלא אל שמו בלבד, דהיינו אל כח הנשמה שבו, אבל עכשיו אחר שכבר קיים מצות מילה, וגופו נזדכך מכל וכל, כתיב וירא "אליו" ה' היינו אליו ממש, כמו שהוא עם גופו הגשמי, ולא אל שורש נשמתו בלבד.

(עבו"ע דב"ק וירא)

### קברי צדיקים אינן מטמאים

המשך בע' ב


פרנס פעולות האיחוד לחודש חשון

נתנדב על ידי הרבני הנגיד המפואר רודף צדקה וחסד לב טוב ומטיב לכל

מוה"ר משה שמואל ראטטענשטיין הי"ו

לעילוי נשמת אביו היקר והחשוב

הרב החסיד המפורסם ר' דוד מנשה בן ר' שמואל ז"ל

נפטר בשם טוב ובשיבה טובה ביום ט' תשרי דהאי שתא

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים אמן

אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך!

מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!

בכבוד רב

הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש

בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעוכ"י

**בשלום, אויב איז די טאג אריבער ווי עס דארף צו זיין, דעמאלס איז יחדיו אשכבה ואישן, גייט די 'זיך לייגן' צוזאמען מיטן 'איינשלאפן'.** (שיח"ק ח"ב ק"ס)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

המדור הזה נתנדב ע"י מו"ה **ישראל אהרן צוויבל** הי"ו (טאהש)
לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## עס ווערן נשפע השפעות פאר די כלל ישראל לויט וויאזוי די מעשים זענען

ותאמר שרה צחוק עשה לי אלקים כל השומע יצחק לי, זאגט רש"י הק', ומדרש אגדה הרבה עקרות נפקדו עמה, הרבה חולים נתרפאו בו ביום, הרבה תפלות נענו עמה ורב שחוק היה בעולם.

דארף מען פארשטיין פארוואס דוקא יעצט זענען די תפילות נתקבל געווארן און די עקרות זענען נפקד געווארן.

און די ענין אין דעם איז, ווייל ס'איז ידוע אז אברהם איז מדת החסד, אהבה, און יצחק איז מדת הגבורה, יראה, קומט אויס אז יעצט ווען יצחק איז געבוירן געווארן זענען נשלם געווארן ביידע מדות יראה ואהבה, און עס שטייט אין זוה"ק (דף כ"ה) אורייתא ומילולא דאיהו בלא דחילו ורחימו לא פרחת לעילא, פארדעם יעצט ווען עס איז נשלם געווארן ביידע מדות אהבה ויראה זענען די תפלות נתקבל געווארן, און חולים זענען נתרפא געווארן, און הרבה עקרות נפקדו עמה, ווייל דורך די ביידע מדות זענען אלע תפילות ארויף.

און די צוויי מדות זענען די שלימות פון אלע מדות, ווייל אלע אנדערע מדות זענען ענפים פון זיי, תפארת איז התמזגות פון יראה ואהבה, און נצח איז א ענף פון מדת החסד, און הוד איז א ענף פון מדת הגבורה, און יסוד איז כולל אלע מדות, און מלכות איז מקבל די שפע פון אלע מדות און איז עס משפיע ווייטער אין אלע עולמות.

און מיט דעם ווערט מען פארשטיין די ענין פון די שמחה וחדווה רבה וואס איז געווארן דעמאלטס אין די וועלט, ווייל ווען מען פירט זיך דא אונטן מיט די מדות שבלב, איז מען מעורר מיט דעם די מדות העליונים, אז אויך זיי זאלן פועל זיין און משפיע זיין שפע לתתא, אזוי ווי דער בעש"ט הק' פלעגט מעורר זיין די תלמידים, מיט דעם וואס דער מדרש זאגט אויפ'ן פסוק, ה' צלך אז דער אייבערשטער פירט זיך מיט א מענטש אזוי ווי א שאטן, פונקט ווי א שאטן איז די זעלבע וואס דער מענטש טוט, אזוי אויך וויאזוי א מענטש פירט זיך דא אונטן פירט מען זיך מיט אים פון אויבן, אזוי ווי חז"ל זאגן (איכה רבה א' ל"ג) כשישראל עושין רצונו של מקום מוסיפין כח וגבורה בפמליא של מעלה, פמליא של מעלה איז א כינוי פאר די מדות העליונים, דאס מיינט אז אידישע קינדער געבן כח ועוז פאר די מדות העליונים אז זיי זאלן פועל זיין און ארבעטן, און מיט דעם כח פועל'ט מען אלע ישועות און מען איז ממשיך אסאך שמחה וחדווה ושחוק בעולם, און מען איז גורם צו מקרב זיין די גאולה שלימה.

(עבו"ע פתג"ק)

המשך מע' א

**ואנכי עפר ואפר.**

איתא במדרש (ב"ר מ"ט י"א) אמר הקב"ה לאברהם אבינו ע"ה, חייך, אתה אמרת ואנכי עפר ואפר, חייך שאני נותן לבניך כפרה בהם, שנאמר 'ולקחו לטמא "מעפר" שריפת החטאת, ואסף איש טהור את "אפר" הפרה'.

הרי דאפר הפרה היה מעורר את לב האדם שיבטל ויכניע את גופו החומרי, בבחינת אנכי עפר ואפר, שהגוף יהיה בטל באין אל רצון הנשמה, וממילא נטהר מטומאת המת, כי כח טומאת המת לא באה עליו, אלא על ידי שנתגברה בקרבו זוהמת הגוף על נשמתו.

ולכן אמרו חז"ל דקברי צדיקים אינן מטמאין כי הצדיקים מכניעים חומר גופם מכל וכל בבחינת ואנכי עפר ואפר, לכן אף במיתתם אינו שולט בהם כח החיצונים והטומאה.

(עבו"ע דב"ק חקת)

# דברות קודש
## מכ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
## לבחורי ישיבת בין הזמנים
### ג' פר' נח תשפ"ז
פנימי — בלתי מוגה

ברשות די חשוב'ע בחורים, קודם וויל איך באדאנקען מיט א יישר כח אז איך האב א זכות אז איך קען רעדן צו ענק אפאר ווערטער, בחורים וואס ווייסן אז זיי זענען קינדער פון אייבערשטן, קינדער פון רבינו הקדוש זי"ע, זיי האבן אויסגעפירט די שליחות פון רבינו הקדוש, מען האט יעצט געהאט א בין הזמנים און דאס אויסגענוצט מיט לימוד התורה.

איך האב פונקט געטראכט, די גמרא זאגט אז תורה מגנא ומצלא בעידנא דעסיק ובעידנא דלא עסיק, די הייליגע חכז"ל האבן געקענט זאגן בעידנא דלומד ובעידנא דלא לומד, וואס איז דייקא דאס לשון דעסיק?

נאר דעסיק איז טייטש אזוי ווי א געשעפט. אמאל איז דא א מלמד צו א מגיד שיעור וואס עס איז זיין געשעפט פון לערנען, אפילו א כולל יונגערמאן טוט עס מציל זיין און מגין זיין ווען ער לערנט, און ער טוט זיין געשעפט, און אפילו ווען ער לערנט נאכדעם אויכעט, איז ער אויכעט, דלא עסיק בה, ווען ער דארף נישט דעם געשעפט.

אבער ביי א בחור וואס איז שייך בעידנא דעסיק ולא עסיק? א בחור דארף לערנען די הייליגע תורה סיי ווי.

בעידנא דלא עסיק איז טייטש, אזוי ווי יעצט, חשוב'ע בחורים, טייערע קינדער פון אייבישטער, קינדער פון רבינו הקדוש, בעידנא דלא עסיק ווען די געשעפט איז נישט אפן, יעצט ווייסט יעדער איינער אז עס איז בין הזמנים פאר די בחורים, בחורים לערנען די הייליגע תורה דורכן זמן אין ישיבה, אבער ביי יעדע ישיבה איז דא א לא עסיק, א זאך וואס מען דארף נישט מטעם הישיבה, און זיי שטעלן זיך צו דערצו, פארוואס? קודם ווייל זיי האבן יראת שמים, מ'רעדט פון בחורים יראים ושלמים, און נאך א זאך ווייל זיי האבן אהבת התורה, און נאך איינס ווייל זיי טוען אויספאלגן די רצון פון רבינו הקדוש וואס האט דאס איינגעפירט, נאך יארן יארן צוריק, עס איז נאך נישט געווען אזוי שטארק, ווייל עס איז נאכנישט געווען אזא עולם.

איך געב א קום אריין דא, עס איז ממש א מחי'ה, איך בין נישט דא כסדר, אבער איך הער, אבער ס'איז אינו דומה ראיה לשמיעה, איך זעה ווי אזוי די בחורים מיט אזא ערנסקייט מען זיצט און מען לערנט פלייסיג ב"ה, עס איז א געוואלדיגע כבוד פארן רבוש"ע, און פאר רביה"ק, רביה"ק ווייזט אויבן אין הימל, געבטס א קוק דאס זענען מיינע קינדער, זיי לערנען דא פארן אייבערשטן, עס איז א געוואלדיגע כבוד.

איך גיי ענק געבן א דאנק אז איר האט מיר געגעבן א זכות, איך זאל קענען זאגן אפאר ווערטער.

טייערע קינדערלעך, יעדער איינער ווייסט און יעדער איינער פארשטייט, יעדן אינדערפרי' ווען מ'שטייט אויף לייענט מען קריאת שמע בזמנו, לקיים מצות עשה דאורייתא, לקבל עול מלכות שמים, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, עס שטייט דארט והיה אם שמוע תשמעו, שטייט אין פסוק ווייטער ונתתי מטר ארצכם בעתו, איך וועל געבן רעגן בעתו יורה ומלקוש, יורה מיינט רעגן און מלקוש מיינט רעגן, וואס מיינט יורה, וואספארא רעגן מיינט עס, און וואס מיינט מלקוש? איז די גמרא זאגט יורה מיינט די פרי' רעגן, דאס הייסט פאר מען פלאנצט איין זאל זיין די ערד פייכט, עס זאל גוט קענען אנכאפן, די רעגן אינדערפרי' איז דא א ביסעלע רעגן, און מלקוש איז ווען מען טוט אפשניידן די פירות, מען נעמט עס ארויס דארף עס אויך רעגן, עס זאל ארויסקומען א גוטע פירות, די לעצטע פאר וואכן פאר ווען מען נעמט ארויס דארף מען אז עס זאל שיין וואקסן עס זאל גוט ארויסקומען.

זאגט די גמרא אז יורה דאס מיינט צו זאגן חודש חשון, און מלקוש מיינט צו זאגן חודש ניסן, ווייל מען פלאנצט איין דעמאלטס, זעהט אויס אז עס זאל זיין א לחלוחית און די ערד, און אזוי קען וואקסן שיינע פירות.

בחורים קומען זיך צוזאמען בין הזמנים נאך די הייליגע טעג, ביז ראש חודש חשון קומט מען זיך צוזאמען, מען לייגט אריין א לחלוחית, מען טוט עס מרצון הטוב, ווייל דאס איז די רצון פון אייבערשטן, די רצון פון רבינו הקדוש, אזוי האט ער אונז געלערנט, און אז מען איז זיך משתדל און מען איז קובע עתים לתורה איז עס א געוואלדיגע כח און א געוואלדיגע חשיבות אויבן אין הימל.

וואס איז טייטש יורה? יורה איז די טייטש א לשון מורה, עס ווייזט פאר א מענטש, וואס ווייזט עס פאר א מענטש? עס איז נאך די הייליגע טעג און עס ווייזט פארן מענטש זיי מוחל, אזוי ווי דו ווייסט אז עס קומט ווינטער איז דאך די צייט וואס יעדער נעמט צוזאם אלע תבואה און מ'נעמט עס אריין אין זיין הויז, זאגט ער געב א קוק אז די דעכער זאלן נישט האבן קיין לעכער, עס זאל נישט אריינרינען און נישט אריינשנייען עס זאל נישט קאליע

ווערן די אלע תבואה, אזוי קענסטו עס האלטן און עס גוט אפהיטן.

נאך דעם איז דא יורה א לשון מרוה, אז ער טוט פייכט מאכן די ערד עס זאל קענען גוט וואקסן. די צוויי קומען ארויס פון די הייליגע טעג, אונז נעמען דאך עס מיט פארוואס? ווייל עס קומט די יאר דארפן אונז אז אלע תפילות זאלן נישט גיין לאיבוד, אונז דארפן אז די אלע פירות וואס מען האט געגעבן די אלע תפילות, זאלן קענען ארויסגעבן זייער גוט, עס זאל זיין פייכט און אזוי וועט עס באגלייטן די מענטשן.

דאס זאגט די תורה, דאס איז פשט, די חשובע בחורים נעמען זיך אריין זייערע תפילות, ביי יעדע מענטש, אבער ביי בחורים איז עס געוואלדיג, ווייל זיי זענען דאך נישט אין דעם צוגעשטעלט, ווייל זיי זענען דאך נישט קיין ארבעטערס, אבער אז זיי ווייסן אז זיי טוען זיך צושטעלן צו דעם, אז אלע תפילות זאל נישט גיין לאיבוד, עקסטער, זיי טוען זעהן אז עס זאל זיין פייכט, איז עס א געוואלדיגע זאך.

און דאס האט עטס געטון, עטס האט זיך גענומען נאך די הייליגע טעג, און אין די הייליגע טעג, און געמאכט אז די אלע תפילות זאל נישט פארלוירן ווערן, עס קומט א נייע יאר, עס איז געקומען א נייע יאר, עס קומט א נייע זמן, בחורים קומען אריין אין ישיבה, די ישיבה על קברו, אין די הייליגע שטאט, מיט ריינע אויגן, ריינע הענט, ריינע מחשבות, אלעס איז ריין, מ'איז אויסגעארבעט, עס איז א געוואלדיגע כח דאס, מ'זאל דאס זעהן מיטצונעמען אויף ווייטער, ס'איז א געוואלדיגע זאך.

וויל איך ענק באדאנקען אויף וואס ענק האבן געטון, דער אייבירשטער זאל ענק געבן כח, דאס וועט אייך באגלייטן אויף א גאנץ יאר, ווייל נאר מיט די כח התורה, דאס קען שיצן פאר יעדע מענטש, בעידנא דעסיק, אפילו ער איז אינמיטן זמן וואס ער דארף, דאס איז זיין געשעפט, דאס דארף דער בחור טון, בעידנא דלא עסיק, וואס ער דארף עס נישט יעצט, ער טוט עס פון זיך אליין. דאס הייסט צו א בחור לערנט אין ישיבת בין הזמנים, צו אין די ישיבה, צו איז ער אין עקסטערע זמנים, דאס איז א געוואלדיגע זאך דאס, דאס איז מגנא ומצלא, פאר אים, יעצט, און פאר די יארן ווייטער, פאר זיינע עלטערן, פאר זיין משפחה, און פאר די גאנצע שטאט, די כח התורה העלפט ענק שטארק.

עס איז דא א טורי זהב, עס ווערט געברענגט אין הלכות בית הכנסת, עס איז דא א מנהג אז ווען מען נעמט ארויס שמחת תורה די ספרי תורות פון ארון הקודש, לייגט מען אריין א ליכט אין ארון הקודש, איך ווייס נישט צו איר האט עס באמערקט, איר זענט געווען פארנומען מיט די הקפות און מיטן טאנצן. קודם מעג מען דען לייגן א לעכט אין ארון הקודש? נאכדעם עס איז יום טוב ווי אזוי מעג מען רוקן דער ליכט פאר גארנישט? זאגט דער טורי זהב אז דער טעם איז פארוואס מען לייגט די ליכט, אזוי ווי די ספרי תורה גייען ארויס, ווייזט מען אז עס ווערט פינסטער ווען די תורה גייט אוועק, אבער מען לייגט אריין ליכט ווייזט מען אז עס איז ליכטיגקייט, אונז ווילן מיר אז די ליכטיגקייט זאל ווייטער אנציען.

בחורים זענען געטאנצן די הקפות, עס איז געווען זייער שיין, מען האט זיך געפרייט מיט די תורה, און געוויזן פארן אייבערשטן קבלת התורה, אונז זענען זיך מקבל, און נישט סתם מקבל, אונז זענען ארויס פון די הייליגע טעג, ביז יעצט איז געווען יראה און יעצט איז אהבה, מען איז זיך מקבל די הייליגע תורה, עס איז א געוואלדיגע זאך, זאגט דער הייליגער טורי זהב אז מען לייגט אריין ליכט צו ווייזן אז ווען די תורה גייט אוועק איז נישט דא קיין ליכטיגקייט און עס איז חס ושלום פינסטער, אבער מען לייגט אריין די ליכט, ווייזט מען אז די תורה קומט טאקע באלד צוריק, אבער אפילו די צייט זאל אויך זיין די ליכט, צו ווייזן אז די ליכטיגקייט בלייבט ביי די תורה.

אורה זו תורה, די תורה ברענגט ליכטיגקייט, כי נר מצוה ותורה אור, דאס האט עטס בחורים יעצט מקבל געווען די תורה, עטס היט די תורה, עטס האלטס די תורה, און מיט די כח התורה האלטן אונז די גאנצע שטאט.

און דאס שטייט אין די וואכעדיגע סדרה, אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו, זאגט ער אלה תולדות נח זאגט רש"י עיקר תולדותיהם של צדיקים איז די מעשים טובים. יעדער צדיק, עטס פארשטייטס? יעדער צדיק, וואס הייסט מעשים טובים? דאס איז זיין תולדות? יעדער ווייסט ביי זיך אז ער האט נאך נישט גענוג געטון. שוין, דאס איז די תולדות? ער פרייט זיך מיט די מעשים טובים אז ער טוט גוטע זאכן, זאגן די ספרים הקדושים אז מעשים טובים מיינט צו זאגן דאס איז פון די קינדערלעך, פון תולדותיהם, עיקר תולדותיהם איז מעשים טובים, פאר דעם צדיק איז די עיקר אז זיינע קינדער זאלן טון מעשים טובים.

יעצט בחורים איר זענט קינדער פון אייבערשטן, איר זענט קינדער פון רבינו הקדוש, עטס לערנט תורה הקדושה, עטס טוטס מעשים טובים וועט ענק באגלייטן אויף א גאנצע יאר די גוטע זאכן, דאס איז געווען נח לשמים און נח לבריות, אלה תולדות נח, דאס איז לשמים און לבריות, ווי אזוי קען מען זיין גרינג צום אייבערשטן, צוקומען גרינג צום אייבערשטן, צו קומען גרינג צו א מענטש, וואס מען דארף א מאל א טובה פון א מענטש, מען דארף א השפעה פון א מענטש, צו מען דארף א מאל א רפואה פון א מענטש, א ישועה פון א מענטש, אלעס נאר דורך די כח התורה און מעשים טובים.

עטס האטס מקיים געווען דאס, דער אייבישטער זאל אייך העלפן, איך וואונטש אייך הצלחה מכח רבינו הקדוש, עטס זאלטס ווייטער מצליח זיין אין ישיבה, ווייטער מצליח זיין בעידנא דעסיק בה ובעידנא דלא עסיק בה, ווען א בחור שטעלט זיך צו א ביסל עקסטער צו לערנען איז א געוואלדיגע גוטע זאך.

און דער אייבישטער זאל העלפן עס זאל זיין א שנת אורה, שנת לימוד, שנת קיבול תפילות, די אלע זאכן זאלן קומען דער יאר, מיר ווארטן אויף א גוטע יאר, דער אייבישטער זאל העלפן מיר זאלן געהאלפן ווערן, עס זאל זיין תהא שנת פודה ומציל, מיר זאלן געראטעוועט ווערן פון אלע שלעכטס, מיר זאלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות, און ס'זאל קומען אויף אידן אלעס גוטס, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו ביאת גואל צדק בב"א.

דער משגיח האט מיר געגעבן די זמירות, עס איז א געוואלדיגע מתנה, איך האב געקוקט שבת, און איך האב געזעהן

המשך בע"ה

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרב **משה פנחס אייכלער** שליט"א (בארא פארק)
לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### והוא יושב פתח האהל כחום היום.

מ'קען דא מרמז זיין א שיינע רמז בדרך מוסר, אז א מצוה דארף מען מקיים זיין מיט א חיות און ברען, און נישט כמצות אנשים מלומדה.

ביי די מצוה פון מילה זעהט מען, אז כאטש עס איז שוין אדורך דריי טעג, און ער האט געהאט גרויסע יסורים פון דער מילה, פונדעסטוועגן איז ביי אים געבליבן די התלהבות און ברען צו דער מצוה, "כחום היום", מיטן זעלבן ברען ווען דער באשעפער האט אים באפוילן די מצוה פון מילה.

(תפארת שלמה)

### והנה שלשה אנשים.

זאגט רש"י אז דער מלאך רפאל, וועלכע האט אויסגעהיילט אברהם אבינו, האט דערנאך געראטעוועט לוט. לכאורה איז שווער, ווייל מיר ווייסן דאך אז "אין מלאך עושה שתי שלוחות".

נאר רש"י הק' דערציילט אונז, אז באמת האט לוט נישט געהאט קיין שום זכות געראטעוועט צו ווערן, נאר ער איז געראטעוועט געווארן אז אברהם זאל דערפון נישט האבן קיין צער און קראנק ווערן, דעריבער האט דער זעלבער מלאך רפאל וואס האט געהיילט אברהם אויך מציל געווען לוט, ווייל דאס ראטעווען לוט, איז אריינגערעכענט אין אברהמ'ס רפואה. ודפח"ח.

(אגרא דכלה)

### אל נא תעבור מעל עבדיך.

זאגט רש"י, מכאן שגדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה.

דער הייליגער ר' מאיר'ל פרעמישלאנ'ער האט געזאגט, פון וואו האט אברהם אבינו געוויסט אז דער מצוה פון הכנסת אורחים איז גרעסער פון קבלת פני השכינה?

וויבאלד דער גוף פון אברהם אבינו איז געווען אזוי געהייליגט, אז זיינע אברים זענען פון זיך אליין געלאפן און געטוהן דאס וואס עס איז געווען דער רצון ה', און ווען אברהם האט געשפירט וויאזוי זיינע פיס הייבן זיך אליין אקעגן די אורחים, האט ער דערפון פארשטאנען אז דער דין איז, אז "גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני השכינה".

(הרה"ק רבי מאיר מפרימשלאן זי"ע)

### ואל הבקר רץ אברהם.

עס קען זיין די טעם פארוואס אברהם אבינו איז געלאפן ברענגען פלייש, וויבאלד אברהם אבינו האט נישט געזאגט פאר די מלאכים אז ער גייט ברענגען פלייש, נאר גייענדיג ברענגען די ברויט, האט ער מחליט געווען ביי זיך אז ער וועט אויך געבן פלייש, אבער אברהם האט דאך געוויסט אז דער יצר הרע וועט אים באלד אנהויבן אפצורעדן אז עס איז נישט וויכטיג צו געבן פלייש, דעריבער האט ער אנגעהויבן צו לויפן, כדי דער שטן זאל נישט האבן קיין צייט צו אים אפרעדן.

(חתם סופר)

### ותכחש שרה לאמר לא צחקתי.

מ'קען מסביר זיין די לשון הפסוק, "ותכחש שרה", אז באמת האט שרה אמנו גלייך תשובה געטוהן, און דער חטא איז טאקע אויסגעמעקט געווארן דורך תשובה, אבער נאך אלץ רופט דאס די תורה אן 'הכחשה' וויבאלד דער תשובה איז נאר געווען א תשובה מיראה, און ווען מען טוט תשובה מיראה בלייבט נאך א צייכן פון די עבירה אויפ'ן מענטש. דעריבער האט איר אברהם אבינו געזאגט "לא כי צחקת", אז דו ווילסט אז דער עבירה זאל אינגאנצן פארמעקט ווערן, דארפסטו תשובה טוהן מאהבה, אז דער צחוק אליין זאל באקומען זיין תיקון, און ווערן א זכות, ווייל ביי תשובה מאהבה, איז זדונות נעשו כזכיות.

אזוי זעהט מען טאקע שפעטער, אז שרה אמנו האט געזאגט "צחוק עשה לי אלקים", אז דער אייבערשטער האט מיר מוחל געווען די חטא צוליב תשובה מאהבה, און עס איז נהפך געווארן לזכות, און פון די צחוק איז געווארן יצחק.

(שפת אמת)

## א מעשה אויף די פרשה

### גדולה הכנסת אורחים

דער הייליגער קדושת לוי זי"ע איז אמאל אנגעקומען אינעם שטאט לבוב, און איז געגאנגען צום גביר פון שטאט, בעטנדיג צו נעכטיגן ביי אים, דער גביר האט אים נישט דערקענט און האט אים נישט אריינגעלאזט ביי זיך אין שטוב.

דער קדושת לוי האט געזעהן ווי דער גביר לאזט אים נישט אריין, איז ער אריבער צו אן ארימאן אין שטאט, און ער האט אים יא אריינגענומען מיט גרויס שמחה, אפילו ער האט נישט געוואוסט אז דאס איז דער הייליגער בארדיטשוב'ער.

ווען עס איז באקאנט געווארן אז דער קדושת לוי איז אין שטאט, און עס איז געווארן א גרויסע רעש, האט דער גביר דאן איינגעזעהן ווער האט ער האט דא אפגעזאגט, איז ער געקומען צום קדושת לוי, און זיך איינגעבעטן ביי אים, אז ער זאל צוריקקומען צו אים אין שטוב, זאגענדיג אז ער האט פשוט נישט געוויסט ווער עס קלאפט אין טיר.

דער קדושת לוי האט ווי פארשטענדליך נישט מסכים געווען, און האט געגעבן צו פארשטיין פארן גביר, אז אין די תורה זעהט מען אז צוויי מענטשן האבן געטוהן די מצוה פון הכנסת אורחים, אברהם אבינו און לוט, אבער נאר אברהם אבינו ווערט

המשך בע' י

המשך מע' ד

אז עס פאסט זיך, תלמידי חכמים זענען אין די בחינה פון שבת, איז איך האב א זכיה דאס צו געבן, ס'זאל אריינשיינען די שבת, כל ברכאן דלעילא ולתתא ביומא שביעאה תליין, כל ברכאן דלעילא ולתתא די ברכות פון אויבן און אונטן ווענדט זיך ביומא שביעאה תליין אין די הייליגע שבת, מען זאל זיך אויפפירן שבת אזוי ווי עס דארף צו זיין. די הייליגע שבת וועט אריינברענגען אין ענק השפעות אויף א גאנצע וואך, איר האט עס שוין געטון, יעצט זאל מען ווייטער טון, מען ענדיגט נישט, עס איז נישט גענוג קיינמאל, פארן אייבערשטן דארף מען שטענדיג טון, מען קען זיך אפרועהן, אבער יעדער בחור זאל ווייטער זעהן אז די שבת זאל זיין ווי עס דארף צו זיין, די תורה וואס מען לערנט, און די תפילה זאלן נתקבל ווערן, ביז מען וועט זוכה זיין צו ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן.

# דרשת התעוררות

## אשר השמיע הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הקדושה שליט"א

**אצל עצרת מחאה בעיר מאנטריאל - בהשתתפות רבני קהילותינו ותושבי קריתינו בפקודת הקודש של כ"ק מרן רבינו שליט"א - ביום ז' חשון תשפ"ו לפ"ק - ברחובה של עיר מאנטריאל**

(מחמת קוצר הזמן בשעת העצרת האט מען געמוזט מקצר זיין, לייגן מיר אריין די פילע דרשה)

*

עס שטייט אין פסוק "קול נהי נשמע מציון איך שודדנו", א קלאג פון ציון ווערט געהערט "איך שודדנו" וויאזוי זענען מיר בארויבט געווארן, פרעגט דער מדרש וכי יש עצים בוכים, או אבנים בוכות, איז דען דא העלצער אדער שטיינער וואס וויינען, שאתה אומר קול נהי נשמע מציון.

ענטפערט דער מדרש אלא, "מציון" מי שמשרה שכינתו מציון הוא בוכה, דער הייליגער באשעפער וואס איז משרה שכינתו בציון ער וויינט און קלאגט "איך שודדנו".

פארוואס קלאגט די הייליגע שכינה, ווייל "באו זרים ויחללוה", ווייל עס זענען געקומען פרעמדע עלעמענטן, רשעים וכופרים, און זיי טוען פארשוועכן ציון, וועגן דעם קלאגט דער הייליגער באשעפער.

עס איז באקאנט די שרעקליכע גזירה פון 'גיוס בני הישיבות', וואס קומט פאר אין ארץ הקודש, אז יעדער ישיבה בחור, פון 18 יאר און העכער, און יעדע כולל יונגערמאן, דארף פארמאכן די גמרא, און אפלאזן די ישיבות און כוללים, און זיך אנטאן די מיליטעישרע מונדירן, און זיך לערנען וויאזוי צו קעמפן קעגן די הייליגע תורה הקדושה.

און אויף דעם קלאגט דער אייבערשטער מיט א קול נהי, און ער זאגט "איך שודדנו"

די שרעקליכע גזירה איז נישט בלויז א גזירה פון ביטול תורה, נאר עס איז א גזירה עוקר צו זיין כל התורה כולה.

עוקר צו זיין די אמונה!, עוקר צו זיין יעדע פינטל אידישקייט!, און עוקר צו זיין דעם "שמע ישראל ה' אלקינו ד' אחד"!

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

זיי זאגן בפירוש, אז זיי דארפן נישט די חרדים אין די מיליטער, די חרדים זענען ווי א דארן און זייערע אויגן, זיי שטערן די רואיגקייט פון לאנד, זיי זענען מוחה אויף יעדע פירצה, יעדע זאך וואס עס שמעקט זיי נישט, מאכן זיי הפגנות. זייער איינציגסטע מטרה איז, אז דארט אין מיליטער וועלן זיי קענען האבן א שליטה אויף זיי, מען וועט זיי אויסמישן מיט די פרייע סאלדאטן, און סאלדאטקעס, און אזוי וועט מען זיי צוביסלעך אפפירן פון אידישן וועג רח"ל, היו לא תהיה.

די גזירת הגיוס איז א גזירת השמד, ווער עס פאלט אריין אין זייערע הענט קומט ארויס א כופר בעיקר, א פורק עול, א מחלל שבת בפרהסיה.

מורי ורבותי "קול נהי נשמע מציון" די ווייגעשרי פון אחינו בית ישראל הנתונים בצרה ובשביה און ארץ הקודש איז אנגעקומען צו אונז, זיי בעטן זיך צו אונז, טייערע ברידער שבגולה, "איך שודדנו".

מיר זענען בארויבט, ברוחניות, מען וויל אונז בארויבן די תורה הקדושה, דעם כי הם חיינו, מען רייסט אונז אוועק מיט געוואלד, פון די ישיבות. אויך זענען מיר בארויבט בגשמיות, מען שלעפט אונז ארויס אינמיטן די נאכט פון אונזערע הייזער, און מען זעצט אונז איין אין די תפיסות. מען פייניגט אונז דארט בעינוים קשים, און מיר בעטן אייך קומט אונז צו הילף "איך שודדנו".

טייערע ברידער אין ארץ הקודש, די היינטיגע צוזאמקום איז א ענטפער פאר אייך בני ציון היקרים, מיר האבן זיך צוזאמען גענומען צו פראטעסטירן ברחובה של עיר, צו ווייזן אז אנחנו עמכם גיבורי החיל, אונז זענען מיט ענק, לא נחשה ולא נשקוט עד יעבור הגזירה, אונז וועלן טון אלעס וואס איז אין אונזער יכולת מבטל צו זיין די שרעקליכע גזירה.

רבותי, אסאך פרעגן וואס איז די מטרה פון דעם קול נהי, וואס איז די אויפטוה פון די פראטעסט, די ציונים דערשרעקן זיך דען פון דעם?!, אנדערע טענה'ן גאר אז עס איז א געוואלדיגע חילול ה', אז מען פראטעסטירט אין די גוי'שע גאסן א קעגן אידישע קינדער.

מורי ורבותי די תירוץ אויף די קשיא איז זייער פשוט, "מעשה אבותינו בידינו", דאס איז נישט אונזער אייגענע המצאה, דאס האבן מיר בקבלה מרבותינו הקדושים מדור הקודם זי"ע, אז בזמן "שהידים יד עשיו שולטות", ווען די כח הטומאה שטארק זיך אויף ערליכע אידישע קינדער, דארף זיין "הקול קול יעקב", מען דארף ארויסקומען מיט א קול נהי, מען דארף ארויסגיין לרחובה של עיר און אויסשרייען מיט א קול נהי אז עס זאל געהערט ווערן אין די גאנצע וועלט.

אחים לדיעה במשך די לעצטע יארן וואס כלל ישראל געפונען זיך דא אין אמעריקא, האט מען געניצט די עצה מערערע מאל, מען איז ארויס פראטעסטירן קעגן פארשידענע גזירות, על פי פקודת הרבנים הגאונים הצדיקים זי"ע, און ב"ה יעדע פראטעסט האט אסאך אויפגעטון מעביר צו זיין די רוע הגזירה, און אדרבה דאס האט געברענגט א קידוש השם, און נישט קיין חילול ה'.

## די ערשטע פראטעסט אין אמעריקא

עס איז כדי אויף צו מישן דעם בלעטל, און זען וויאזוי די ערשטע פראטעסט האט זיך געגרינדעט דא אין אמעריקא, און די תוצאות דערפון, דאס זעלבע האפט מען אויף די יעצטיגע פראטעסט.

די ערשטע פראטעסט ברחובה של עיר קעגן די מדינה הציונות, איז געווען תשי"ד, פאר איבער זיבעציג יאר צוריק, קעגן די ביטערע גזירה פון גיוס בנות.

עס לאזט זיך נישט זאגן וואס פאר א געוואגטע טריט דאס איז געווען בימים ההם, מען רעדט דא פון א קורצע צייט נאך די מלחמה, און דא נעמט מען ארויס אלע חרדי'שע אידן אין די גוי'שע גאסן, נישט סתם גאסן, נאר אין הויפט גאסן פון די הויפט שטאט פון אמעריקא, און מען גייט פראטעסטירן אויף אויף אידישע קינדער.

און דעמאלטס האט מען אויך געפרעגט,

די זעלבע קשיא, וואס איז די מטרה פון די פראטעסט? וועלן זיך די ציונים דערשרעקן דערפון? דאס איז דאך א געוואלדיגע חילול ה'.

אבער די גדולי הרבנים, ובראשם הרה"ק מ'סאטמאר זכותם יגן עלינו, האבן געזען מיט זייער הייליגע אויגן אז עס איז נישטא קיין אנדערע וועג, און זיי האבן מחליט געווען, אז מען דארף ארויס גיין לרחובה של עיר, און מודיע זיין לכל העמים והשרים, אז די מדינה פארטרעט נישט כלל ישראל, און מיר זענען מוחה אויף די ביטערע גזירה, און אויף די עקזיסטענט פון די מדינה הטמאה.

גלייך נאכדעם האבן די ציונים מבטל געווען די גזירת גיוס בנות, וואס דאס האלט ב"ה אן ביזן היינטיגן טאג, דאס איז געקומען נאר א דאנק די פראטעסט, און אנשטאט א חילול ה', איז נתקדש געווארן שם שמים אין די גאנצע וועלט ביזן היינטיגן טאג.

ביי יענע מערכה פון "גיוס בנות", זענען דער בית דין הגדול פון עדה החרדית, און אנדערע גדולי ישראל ווי דער חזון איש, און בריסקער רב זכרונם לברכה, ארויסגעקומען מיט א קלארע דעת תורה, אז די גזירה פון "גיוס בנות" איז א עבירה פון "יהרג ואל יעבור", און אידישע טעכטער דארפן זיך מוסר נפש זיין נישט צו גיין אין מיליטער. דער חזון איש האט געזאגט אז דאס איז נישט קיין מליצה, נאר דאס איז א פסק דין לאמתו של תורה.

מורי ורבותי, נאך זיבעציג יאר פון דעמאלטס "משנאי ה' נשאו ראש", די ציונים האבן זיך געוואגט ארויס צו געבן א נייע גזירה אז יעדע בן תורה, בחורים אין די ישיבה, כולל יונגעלייט דארפן גיין דינען אין זייער טמא'נע מיליטער.

זיי ווילן אויסרייסן די גאנצע תורה הקדושה אין ארץ ישראל. זיי ווילן פארשליסן אלע ישיבות און כוללים. זיי ווילן עוקר זיין תורה שבכתב און תורה שבע"פ. זיי ווילן אז מיר זאל זיך פירן ווי אלע גוים רח"ל. אויך אויף די גזירה האבן אלע גדולי ישראל שבזמנינו געפסק'נט אז עס איז יהרג ועל יעבור, מען דארף זיך מוסר נפש זיין קעגן דעם.

און דאס איז נישט בלויז קיין מליצה, דאס איז א פסק דין לאמתו של תורה.

ביי יענע מערכה פון "גיוס בנות", האט דער הויפט פון די לשכת הגיוס געזאגט פאר די הויפט פון די פאליציי, אז ער זאל גוט אנגרייטן די כוחות פון די פאליציי, ווייל ער ווייסט אז דער חוק פון גיוס בנות וועט נישט דורכגיין אזוי גרינג, אבער אונז דארפן אלעס טון, כדי עס זאל זיך נישט אויסלעשן פון אונז די פינק פון עם ישראל חי.

דאס זעלבע זאגן זיי אויך ביי די יעצטיגע מערכה פון גיוס בני הישיבות, אז די פאליציי זאלן זיך גוט אנגרייטן, ווייל דער חוק וועט נישט דורך גיין אזוי גרינג, און אונז דארפן אלעס טון כדי עס זאל זיך נישט אויסלעשן די פינק פון עם ישראל חי

און אזוי ווי די גזירה קעגן גיוס בנות, איז בטל געווארן דורך די פראטעסטן, דאס זעלבע האפן מיר אז עס וועט בטל ווערן אויך די גזירה פון גיוס בני הישיבות.

ביי יענע מערכה פון "גיוס בנות" זענען עטליכע חשוב'ע רבנים געקומען אין תפיסה, און זיי האבן געזאגט פאר די פאליציי, אז די ארעסטאנטען זענען אונזער שלוחים, לייגט'ס אונז אין די תפיסה, האבן זיי געענפערט מיט חוצפה, אונז וועלן איינזעצן ווען אונז וויל מיר.

מורי ורבותי - ביי די יעצטיגע מערכה קעגן "גיוס בני הישיבות", שרייען מיר אלע אויס, די ארעסטאנטן זענען אונזערע שלוחים, לייגטס אונז אין די תפיסה.

*

ישעיה הנביא זאגט "כל כלי יוצר עליך לא יצלח, וכל לשון תקום עמך למשפט תרשיעי, זאת נחלת עבדי ה'" רבי יוסף יעב"ץ זאגט פשט, ווי באקאנט האבן די אומות העולם לוחם געווען קעגן די אידן אויף צוויי וועגן, עס זענען געווען צייטן וואס זיי האבן לוחם געווען א מלחמה בגשמיות, מיט כלי זין, הריגות און רדיפות, פראגראמען און קראמעטארים, מען האט פארברענט און גע'שחט'ן אידישע קינדער רח"ל.

און עס זענען יידער געווען תקופות וואס מען האט לוחם געווען מיט כלל ישראל מיט א מלחמה ברוחניות, מען האט מלחמה געהאלטן מיט די מויל, מען האט מפתה געווען אידישע קינדער צו דינען עבודה זרה, און צו ווערן מינים ואפיקורסים, מען האט זיי פארשעמט און בארעדט, אזוי אויך די מלחמה מיט די משכילים, און די נעלאגן א.א.וו., און עס איז זיי נישט געלונגען ביי-צו-שטיין די ערליכע אידן.

דאס זאגט ישעיה הנביא "כל כלי יוצר עליך לא יצלח" די אלע וואס האבן געוואלט אונטער ברענגען כלל ישראל מיט כלי זיין, האבן נישט מצליח געווען, מען האט געשלאגן, גע'הרג'ט, אבער מען האט נישט נאכגעגעבן.

"וכל לשון תקום עמך למשפט תרשיעי", און אויך די אלע וואס האבן געוואלט בייקומען כלל ישראל מיטן לשון, איז זיי אויך נישט געלונגען, וויאזוי קען דאס טאקע זיין?

זאגט ווייטער ישעיה הנביא, דאס איז ווייל "זאת נחלת עבדי ה'" ווייל די אידישע קינדער האלטן די תורה הקדושה אזוי ווי א נחלה, זיי רירן זיך נישט אוועק פון די דרך אבותינו ורבותינו הקדושים.

דאס זאגט אונז דוד המלך אם תקום עלי מלחמה ווען עס קומט אויף כלל ישראל א מלחמה, סיי א מלחמה פון "כל כלי יוצר", און סיי א מלחמה פון "כל לשון תקום אתך למשפט", וואס איז די עצה "בזאת אני בוטח" מיט דעם "זאת נחלת עבדי ה'" בין איך פארזיכערט מנצח צו זיין.

מורי ורבותי, מיר געפונען זיך היינט צו טאג אין א מצב אם תקום עלי מלחמה, די שונאי הדת דער שלטון הרשע האבן אויסגערופן א מלחמת חרמה על ה' ועל משיחו, זיי באניצן זיך מיט ביידע כוחות, סיי מיט די כח פון "כלי כל יוצר" זיי שלאגן און זיי שפארן איין אין די תפיסות, און זיי באניצן זיך אויך מיט "כל לשון תקום למשפט תרשיעי" זיי האבן געדינגען חרדישע יונגעלייט, וואס זאלן רעדן צו די יונגע בחורים, תמימי לב, אז אין די מיליטער קען מען זיין פונקט אזא ערליכע איד ווי אין די ישיבה, מען לערנט דארט, און מען דאווענט דארט, אן קיין שום שטער, און זייער איינציגסטע מטרה איז, נאר עקירת הדת, זיי ווילן עוקר זיין די תורה הקדושה בשורשה.

אבער טייערע ברידער בזאת אני בוטח, מיר קענען זיך נישט פארלאזן, נאר אויף דעם זאת נחלת עבדי ה' צו גיין בדרך אבותינו ורבותינו, ארויס צו גיין אין די גאסן און אויסשרייען מיט א קול נהי, און זיך שלאגן מיט ציין און נעגל קעגן די גזירה נוראה.

דעם היינטיגן טאג שרייען מיר אויס, פאר די שלטון הכופרים, "כל כלי יוצר עליך לא יצלח, וכל לשון תקום עמך למשפט תרשיעי", מיר וועלן נישט רוען און מיר וועלן נישט שווייגן, מיר וועלן טון אלעס וואס איז אין אונזער יכולת לוחם צו זיין קעגן די ביטערע גזירה בפרט, און קעגן

דעם גאנצן שלטון הכופרים בכלל.

## די פראטעסט קעגן די עצם המדינה

מורי ורבותי, מ'דארף קלאר מאכן גאר א וויכטיגע זאך, אז דער קול נהי וואס מיר שרייען אויס ביי די יעצטיגער פראטעסט, איז נישט נאר אויף די גזירה פון גיוס בני הישיבות. מיר זענען נישט מוחה נאר אויף די איינציגע חטא, פון ביטול תורה. מיר זענען נישט מוחה נאר אויף די חטא, וואס די ציונים האבן אריינגעווארפן אין תפיסה צענדליגע בני תורה, וואס הארעווען יומם ולילה אין די תורה. מיר זענען נישט מוחה נאר אויף דעם וואס בני ציון היקרים זענען געווען אין די תפיסה, ראש השנה יום כיפור און סוכות. מיר זענען נישט מוחה נאר אויף דעם חטא וואס זיי האבן אריינגעשליידערט אין תפיסה א בחור א יתום אין זיין טאג פון זיצן שבעה, און א חתן וואס איז נאך געווען אין די טעג פון זיין שבע ברכות.

אונזער מחאה איז קלאר און דייטלעך, אויף די גאנצע שורש פורה ראש ולענה, אויף דעם אבי אבות הטומאה, פון ווי די אלע גזירות קומען ארויס, וואס דאס איז דער עצם רעיון הציונות, און אויף די שרעקליכע עבירה פון האבן א אייגענע מדינה, וואס אויף דעם שרייט די שכינה הקדושה "איך שודדנו".

עס איז באקאנט אז די רבנים פון אגודת הרבנים דאמעריקא האבן אמאל געמאכט א פראטעסט קעגן א טמא'נע גזעצך [חוק התועבה], וואס די ציונים האבן באשטעטיגט, און זיי האבן געוואלט אז הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע זאל מיט שטיין מיט דעם, און זיי האבן געהאט א שטיקל תביעה, אז ביי די פאריגע פראטעסטן האבן זיי זיך אויך צוגעשטעלט.

האט זיי דער סאטמאר'ע רב זי"ע גע'זאגט: אויב די מחאה וועט זיין אויף די גאנצע קיום המדינה, דעמאלטס וועט ער אודאי מיט שטיין, אבער אויב איז דאס נאר קעגן די איינציגע חטא פון "חוק התועבה", קען ער זיך נישט צו צושטעלן דערצו, ווייל אז מען איז מוחה נאר אויף די חוק התועבה, מיינט דאס אז מיט אלע אנדערע געזעצן איז נישטא קיין פראבלעם, איך קען מיר צושטעלן נאר ווען מען איז מוחה אויך אויף די עצם קיום המדינה.

טייערע ברידער אחים לדעה, מיר אלע דא זענען מוחה אויף דעם עצם הקמת המדינה, וואס די ציונים הארורים האב בארויבט אונזער הייליג לאנד, און אונז נעמען זיך אן אויף די ווי געשריי וואס דער משרה שכינתו בציון שרייט מיט א "קול נהי, איך שודדנו".

## פשרות

מיר האבן אנגהויבן מיטן פסוק קול נהי נשמע מציון איך שודדנו, דער בוכ"ע דער משרה שכינתו בציון קלאגט מיט א קול נהי, מען דארף צו וויסן אז דער קול נהי איז נישט נאר אז ציון איז בארויבט געווארן פון כופרים ומורדים בה' ובתורתו, נאר די שכינה הק' קלאגט אויך אז ציון איז בארויבט אויך פון שומרי תורה ומצות, אידן וואס זענע חרדים לדבר ה', דאס זענען די אלע פארטייען וואס קומען מיט פארשידענע פשרות, אז זיי זאלן נעמען אין מיליטער נאר בחורים וואס זענען נישט קיין בני תורה, אדער שוואכערע בחורים א.ד.ג.

און אויף דעם קלאגט און שרייט די שכינה הקדושה "איך שודדנו", וויאזוי קען מען בארויבן מיינע קינדער וואס זענען נישט זוכה צו זיין ישיבה לייט. זיי ווילן אויך זיין ערליכע אידן מאמינים בד' ובתורתו. זיי ווילן אויך אויפשטעלן ערליכע אידישע דורות, וואס פאר א פשרות מאכט מען אויף זייער חשבון. שומו שמים, וויאזוי קען מען נעמען א אידישע נשמה, וואס איז נישט זוכה צו זיין א ישיבה מאן, און אים מפקיר זיין צו שמד רח"ל, היה לא תהיה.

## לכו נא ונוכחה

עס איז באקאנט אז פאר ארום 25 יאר, איז פארגעקומען גרויסע פראטעסטן קעגן דעם וואס די ציונים האבן געוואלט מאכן די געזעץ פון "גיוס בני הישיבות", און די רבנים הגאונים האבן מוחה געווען, און זיי זענען ארויס מיט שארפע קול קורא'ס קעגן די גזירה.

אויך איז ארויס געקומען א קול קורא פון די פיר גדולי הצדיקים פון יענע דור, ובראשם רבינו הקדוש זי"ע האט אויך דאן אונטערגעשריבן, עס איז כדאי נאכצוזאגן א פאר שורות וואס איז געשטאנען אויף יענע קול קורא. (זעה בילד בייגעלייגט)

די קעפל הייבט זיך אן: "קול ה' חוצב להבות אש, עת צרה הוא ליעקב, לאחרונה נתחכמו הרשעים לגייס בני ישיבה לתוך צבאם הטמא שלהם, ובעוה"ר נמצאו איזה אנשים שמסייעים לאלו הרשעים, ונמשכו יותר מ-200 בחורים, ונפלו וירדו אלף מעלות אחורנית, ותוצאותיהם מי ישורנו, ומתכוננים עוד להמשיך אלפים מבני הישיבות לתוך צבאם הטמא בכמה דרכים שונים, ומטרתם גלויה להיות ככל בני המדינה בלי שום הבדלה בין שומר תורה ובין פורק עול, שומו שמים על זה, יזדעזע עולם ומלואו".

"דעתינו דעת תורה היא, שצריך מסירת נפש לא ליכנס בצבאם הטמא", וע"ז באו על החתום דער ברך משה, רבינו הק' זי"ע, דער באבובער רבי, און דער סקולענ'ער רבי זי"ע.

און צוליב די מחאות און פראטעסטן וואס איז דעמאלטס פארגעקומען, האבן זיי נישט געמאכט די געזעץ, און יעדער וואס האט זיך איינגעגעבן אז ער איז א בן ישיבה, האט נישט געדארפט גיין אין מיליטער.

אבער בעוה"ר האבן זיי לעצטנס געמאכט א געזעץ פון גיוס בני הישיבות, אז יעדער בחור אפילו א בן תורה דארף גיין אין די מיליטער.

אחים לדעה, עס פרעגט זיך א שטארקע קשיא, פארוואס איז די גזירה פון "גיוס בנות" וואס איז געווען פאר איבער 70 יאר צוריק אינגאנצן בטל געווארן, און די גזירה פון גיוס בני הישיבות איז ליידער געווארן א פאקט, און די פראטעסטן האבן נישט אינגאנצן מבטל געווען די גזירה.

דער תירוץ איז, ווייל ביי די גזירה פון גיוס בנות, איז געווען גאנץ כלל ישראל מיט א פאראייניגטע דיעה, אז עס איז יהרג


לד וצדיק באמונתו יחיה

קול ה' חוצב להבות אש

מתוך קריאת קודש מאת רבותינו שבגולה כ"ק מרנן ורבנן ראשי גולת אריאל מנהיגי רבבות אלפי ישראל שליט"א

עת צרה היא ליעקב - שמעו דבר ה'

שומו שמים על זה — יזדעזע עולם ומלואו!

דעתינו ודעת רבותינו הקדושים דעת תוה"ק היא:

שצריך מסירות נפש לא ליכנס בצבאם הטמא,

וכל מי אשר ידו במעל הזה הוא בכלל חוטא ומחטיא את הרבים.

ולתקן עולם במלכות ש־די, אכי"ר.

הק' משה טייטלבוים (אדמו"ר מסאטמאר)

משולם פייש סג"ל לאווי (אדמו"ר מטאהש)

נפתלי צבי הלברשטאם (אדמו"ר מבאבוב)

ישראל אברהם פארטיגאל (אדמו"ר מסקולען)

כ"ק מרן רביה"ק שליט"א צווישן די חותמים איבער די גזירה פון גיוס בני הישיבות, און אז מען דארף האבן מסירות נפש נישט צו דינען אפילו אינעם אזויגערופענעם 'נחל חרדי' אפטיילונג פון זייער מיליטער, בשנת תשס"א.

ועל יעבור, אן קיין שום פשרה, און פון דעם כח האבן זיי מורא געהאט.

אבער ביי די גזירה פון גיוס בני הישיבות, וואס עס זענען אפיר-געקומען פארשידענע חרדישע, און אפילו חסיד'ישע קרייזן, וואס האבן אנגעהויבן צו מאכן פארשידענע פשרות, דאס האט גורם געווען, אז די גזירה איז געווארן א פאקט.

עס איז נישט קיין ספק, אז ווען אלע רבנים וואלטן ארויס געקומען מיט א פאראייניגטע פסק, אז עס איז יהרג ואל יעבור, אן קיין שום פשרה, וואלט די גזירה אויך געקענט ווערן אינגאנצן צו שטערט, און אויף דעם שרייט די שכינה "איך שודדנו".

## די אויפטו פון די פראטעסט

איך וויל מיך באציען אויף די שאלה וואס מען פרעגט וואס טוט מען יעצט אויף, די ציונים דערשרעקן זיך דען פון דעם?

מורי ורבותי איך האב שוין פריער דערמאנט, אז יעדע פראטעסט וואס מען האט געמאכט אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ, האט געהאלפן עוקר צו זיין די גזירה, שאל אביך ויגדך זקנך ויאמרו, דאס איז א מציאות.

אויסער דעם, איז כדאי נאכצוזאגן וואס קראסנא רב זי"ע האט געזאגט מיט א קול חוצב להבות אש ביי יענע פראטעסט קעגן גיוס בנות, "שמע ישראל אתם קרבים היום למלחמה", מורי ורבותי מיר זענען זיך נישט צוזאמען געקומען כדי צו בעטן פון די שלטון הרשע, אז זיי זאלן מבטל זיין די גזירה, מיר זענען זיך צוזאמען געקומען בעטן פונעם בורא כל עולמים, אז ער זאל אונז מציל זיין פון די רשעים, וואס זיי ווילן שולט זיין אויף אונז, און ער האט אויסגעשריגן "חזקו ואמצו כי ה' אתנו, ויכול נוכל להם".

אחים לדיעה אויך יעצט זענען מיר נישט געקומען בעטן פון די ממשלת הכופרים אז זיי זאלן מבטל זיין די גזירה, אויך נישט כדי זיי זאלן זיך דערשרעקן, מיר זענען געקומען בעטן פונעם בורא כל עולמים, אז ער זאל רחמנות האבן אויף אחבנ"י הנתונים בצרה ובשביה, אז די רשעים זאלן נישט האבן א שליטה אויף זיי, און מיר שרייען אויס "חזקו ואמצו כי ה' אתנו, ויכול נוכל להם".

## עס טוט אויף פאר אונז אליין

אמאל פאר א פראטעסט, האט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע זיך געערגעט אויף דעם וואס געוויסע חרדישע קרייזן האבן נישט געוואלט א טייל נעמען, מיט די טענה אז עס וועט סיי ווי גארנישט אויפטון.אבער נאכדעם האט ער זיך בארואיגט מיט דעם, אז דאס איז זיכער אז פאר אונז שלומי אמוני ישראל טוען פראטעסטן זיכער אויף, אז מיר זאלן שטיין ווייט פון די ציונים, און בלויז פאר דעם איז עס וויכטיג.

די לעצטע תקופה וואס די ציונים דרייען איבער א וועלט מיט זייערע מלחמות, און זייערע הריגות, און עס קען זיך אריין כאפן אויך צווישן אונז מחשבות פון אבק ציונות, און בלויז פארדעם איז וויכטיג צו פראטעסטירן קעגן די ציונות וואס כאפט זיך אריין ביי אונז אין הארץ.

אפילו מיר קענען נישט דא באקעמפן די ציונים, די רשעי ישראל, אבער עס האט זיכער די כח צו באקעמפן די ציונות וואס מען האט אין הארץ, און אז מען זאל חלילה נישט ווערן אינגאנצן מיט געשלעפט מיט זייערע דיעות נפסדות.

לאמיר אלע אינאיינעם בעטן דעם הייליגער באשעפער, אז וכל הרשעה כעשן בעשן תכלה, ויעביר ממשלת זדון מן הארץ, און מיר זאלן זוכה זיין צו התגלות כבוד שמים עלינו, בביאת משיח צדקינו, בב"א.



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ב חשון | הרה"ק רבי דוד שלמה בן רבי ירחמיאל זי"ע - ערבי נחל | תקע"ד |
| כ"ג חשון | הרה"ק רבי יהוסף בן רבי צבי הלוי זי"ע - מ'קאסאן - בני שלשים | תרע"ב |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| י"ז חשון | הרב החסיד ר' חיים אלכסנדר בן ר' יעקב ע"ה ניימאן | תשס"ו | ביה"ח וויזניץ מאנסי |
| י"ח חשון | האשה החשובה מרת חי' שרה בת ר' שלמה ע"ה גרינפעלד<br>אשת הרב החסיד ר' יצחק שמואל ע"ה | תשנ"ד | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ח חשון | הרב החסיד ר' ישראל בן ר' מנחם צבי ע"ה ניימאן | תשפ"ג | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ט חשון | הרב החסיד ר' שרגא פייוול בן ר' צבי ע"ה עהרענפעלד | | |
| כ' חשון | הרבנית הצדיקת מרת רבקה בת הגה"צ ר' חיים שלמה הלוי ע"ה טירנויער<br>אשת הגה"צ רבי יהודה זצ"ל אב"ד שומרי שבת | תשנ"ו | |
| כ"א חשון | הרב החסיד ר' ישעי' בן ר' משה יצחק ע"ה פיש | תשס"ט | הר המנוחות בירושלים עיה"ק |
| כ"ג חשון | הרב החסיד ר' מרדכי יודא לייב בן ר' אהרן ע"ה האלפערין | תשס"ט | ביה"ח וויזניץ מאנסי |

# צחוק עשה לי אלוקים בזה

עס שטייט אין מדרש אז בשעת יצחק אבינו איז געבוירן געווארן, הרבה עקרות נפקדו עמה, הרבה חולים נתרפאו בו ביום, הרבה תפלות נענו עמה, און רש"י הק' טייטשט דאס אריין אין פסוק "צחוק עשה לי אלקים כל השומע יצחק לי", עס איז געווארן א שחוק רב בעולם, אז יעדער איז דעמאלס געהאלפן געווארן.

רבינו הקדוש פרעגט אין עבודת עבודה, אז פארוואס טאקע איז א יעדער געהאלפן געווארן, וואס איז יעצט געשען? איז דער רבי מסביר אז ס'איז דאך ידוע אז אברהם אבינו איז געווען די מדת החסד, אהבה, און יצחק אבינו איז געווען די מדת הגבורה, יראה, און עס שטייט אין תקוני זוהר "אורייתא ומילולא דאיהו בלא דחילו ורחימו לא פרחת לעילא", אז פונקט ווי א פייגל קען נישט פליען נאר מיט איין פליגל נאר ער דארף האבן ביידע פליגלען, די זעלבע איז אויך תורה און תפלה אז עס קען נישט ארויפגיין אין הימל און ווערן אנגענומען נאר דורך יראה ואהבה, ממילא ביז יעצט איז נאר געווען די מדות אהבה אויפ'ן וועלט דורך אברהם אבינו, און יעצט ווען יצחק איז געבוירן געווארן איז אראפגעקומען די מדות היראה אויפ'ן וועלט, און אלע תפלות זענען דעמאלטס ארויפגעגאנגען אין הימל, ממילא איז יעדער איינער געהאלפן געווארן.

מען קען צולייגן צו דעם, לויט דעם וואס איז באקאנט פון אלע פריערדיגע צדיקים,

# מאור התורה

## ציצים ופרחים על עניני הפרשה

אז אפילו מען דינט די אייבערשטער מתוך יראה און ענוה, טאר נישט זיין קיין שום עצבות, נאר עס דארף זיין מיט די גרעסטע מאס שמחה, - ווי עס איז טאקע באקאנט ווי שטארק דער הייליגע סבא קדישא זי"ע האט געקאכט אין די מדה פון שמחה, און ער האט נישט געקענט פארנעמען קיין עצבות -איז די מדת הגבורה די מדה פון יצחק אבינו, וואס זיין נאמען ווייזט אויף שמחה, שחוק רב בעולם, אז אפילו מען נוצט די מדות היראה איז דאס נישט קיין סתירה מיט שמחה, נאר פארקערט, דורך די מדת היראה וואס יצחק האט צוגעלייגט צו די וועלט, דורכדעם איז שוין געווארן אויפגעבויעט אלע זיבן מדות, און דאס האט משפיע געווען די שחוק רב בעולם.

*

עס שטייט סוף פון די פרשה ביי די עקידה, "והאלקים נסה את אברהם", און עס ווערט געברענגט אז דאס איז געווען די שווערסטע נסיון פאר אברהם אבינו, לכאורה איז שווער, אז פארוואס דערמאנט מען גארנישט די נסיון פון יצחק אז ער האט זיך געדארפט לאזן שחט'ן פאר'ן אייבערשטן, און אויך פארוואס הייסט דאס די שווערסטע נסיון, איז די נסיון זיך אריין צו ווארפן אין פייער אין אור כשדים, נישט געווען שווערער?

נאר וואס דען, אברהם אבינו איז געווען מדת האהבה, איז זיך אליינס צו לאזן הרג'ענען פאר'ן אייבערשטן, איז נישט געווען אזא גרויסע נסיון, ווייל פון גרויס אהבה האט ער זיך געלאזט הרג'ענען, אבער צו נעמען זיין זון און שחט'ן דאס איז שוין געקומען מיט מדת הגבורה אויך, דאס איז שוין שווערער פאר אים, און וועגן דעם איז דאס געווען די גרעסטע נסיון, און אונז זענען נאך נהנה פון דעם עד היום הזה, און מיר דערמאנען דאס א יעדן טאג, און מען לייענט עס ראש השנה, צו משפיע זיין פון דעם נסיון אויך אויף היינטיגע צייטן.

*

ווען הרה"ק ר' צבי הירש מרימנוב זי"ע האט פארלוירן איינער פון זיינע קינדער ל"ע האט אים זיין איידעם געפרעגט, פארוואס קען די רבי פועל'ן ישועות פאר יעדן איינעם, און פאר זיך קען ער נישט פועל'ן קיין ישועה, און זיינע קינדער ווערן נפטר רח"ל. האט אים רבי ר' הערש'עלע געענטפערט, אז ווען די אייבערשטער האט באפוילן פאר אברהם אבינו צו שחט'ן זיין זון יצחק, פארוואס האט אברהם אבינו זיך נישט געשטעלט מתפלל זיין אז די אייבערשטער זאל מבטל זיין די גזירה, נאר וואס דען, דאס איז א חלק אין עבודת השם, און דורך דעם וואס אברהם אבינו האט דאס אנגענומען באהבה, זענען אונז נאך מקבל השפעות עד היום הזה, די זעלבע זאך איז אויך ביי אונז, מען קען מתפלל זיין צו מבטל זיין די גזירה, אבער די עיקר עבודה איז צו מקבל זיין באהבה אלעס פונעם אייבערשטן.

המשך מע' ה

באצייכענט אלץ מכניס אורח. לכאורה האט דאך לוט אויך געטוהן דער מצוה פון הכנסת אורחים. נאר דער תירץ איז, אז אברהם אבינו האט געמיינט אז זיינע געסט זענען פשוטע אראבער'ס, און דאך האט ער זיי מכבד געווען, אבער לוט האט געזעהן אז זיינע געסט זענען מלאכים, און נאר צוליב דעם האט ער זיי מכבד געווען.

*

דער גאון רבי יהושע לייב דיסקין זי"ע האט קיינמאל נישט מסיח דעת געווען פון זיינע לימודים. כאטש עס פלעגן שטענדיג עסן ביי זיין שטוב פיל געסט, אפילו אין די וואכן טעג, האט ער זיך קיינמאל נישט געוואשן, נאר געזיצן אויבן-אן פארטיפט אין לערנען.

איינמאל אינמיטן עסן האט זיך דער גאון פלוצלונג אויפגעשטעלט, צוגעגאנגען צום ווינקל פונעם טיש, און זיך דארט אראפגעזעצט נעבן אן אלטער ארימאן. די אנוועזענדע האבן מיט וואונדער געמישט מיט נייגער וואס דער גאון טוהט, און האבן געזעהן ווי ער נעמט א שטיקל ברויט, נעמט אראפ דערפון די הארטע רונדל, און פיטערט דעם אלטן ארימאן וועלכע האט נעבעך נישט געהאט קיין ציינער, און זיך געפלאגט צו עסן די ברויט. נאכ'ן סעודה ווען אלע זענען זיך שוין צוגאנגען, האבן איינע פון די תלמידים געפרעגט דעם גאון, "ווי אזוי האט דער גאון באמערקט אז ביים ווינקל טיש זיצט אן אלטער איד וואס קען נישט עסן ברויט, דער גאון איז דאך געווען פארטיפט אין לערנען"?

האט דער גאון אים צוריק געפרעגט, "פארוואס האסטו זיך יעצט דערמאנט צו פרעגן, וואס האט דיר נישט געשטערט די קשיא פרשת וירא? אין פרשת וירא דערציילט אונז די תורה אז דער אייבערשטער האט זיך אנטפלעקט פאר אברהם אבינו, קענען מיר זיך דען פארשטעלן וואס די מעלות הנבואה איז? האבן מיר דען א השגה ווי שטארק דבוק אברהם איז דאן געווען אינעם אייבערשטן, און דאך, אינמיטן דעם געוואלדיגן התגלות אלוקית, באמערקט אברהם אבינו דריי ערביים, און לויפט זיי אנטקעגן אריינצורופן צו א סעודה, דאס איז לכאורה זייער שווער צו פארשטיין, און פארוואס האסטו דיר נישט געוואונדערט ווי אזוי דאס האט פאסירט, נאר וואס דען - האט דער גאון אויסגעפירט - די ענטפער איז די זעלבע ווען מען דארף טוהן א חסד, דאן באמערקט מען שוין, און מען זעהט שוין גאר גוט"

### המשך מאמר בענין:

## הדלקת נר חנוכה בזמנינו בפנים או בחוץ

נמצא, שאף שינוי הדבר על ידי תלמידי הגר"א לא נעשה משום שלדעתם כהיום שאין נכון להגדיר הזמן כשעת הסכנה צריכים להדליק בחוץ, כי הרי מציאות הדברים הפוכה היתה, שיתכן כי בירושלים היה יותר שעת הסכנה מאשר בחוץ לארץ, ולכן בהכרח שאף לדעתם גם כשאין שעת הסכנה ברורה, מכל מקום יש מקום להדליק בפנים, אלא מטעם אחר הדליקו בחוץ, וכמו שנברר הדבר בסמוך.

העולה מכל זה, כי הגם שהזכרנו את דעת הגרי"ז מבריסק זצ"ל אשר שלא בשעת הסכנה המדליק בפנים יתכן שלא יצא ידי חובה, מכל מקום מוכח בפירוש מדברי הראשונים, כי המנהג הפשוט בימיהם היה להדליק בפנים אף שלא בשעת הסכנה, כך שלא עלינו התמיה, אלא על דורות הראשונים מימי קדם.

### הערת האור זרוע על טעם מנהגם להדליק בפנים ללא שביקש לשנות את המנהג

לאמיתו של דבר, מצאנו כבר את אחד מן הראשונים העומד על תמיה זו, ומבקש למצוא טעם למנהג ימיהם להדליק בפנים אף שאינו שעת הסכנה, והוא רבינו יצחק בן רבי משה אור זרוע מווינא, אחד מבעלי התוספות הידועים, הכותב בספרו אור זרוע (ח"ב, הלכות חנוכה סי' שכ"ג אות ב'): "והאידנא דליכא סכנה, לא ידענא מאי טעמא אין אנו מדליקין בחצירות", והניח הדבר בתימה.

עם זאת יש להבחין, כי על אף שלא מצא פתרון ליישב מה טעם נוהגים להדליק בפנים אף שאינו שעת הסכנה, לא ביקש לשנות את המנהג ולא ערער על מנהג בני ישראל, אלא ביקש רק למצוא טעם וליישב את מנהגם.

אלא שמצאנו בדברי הראשונים כמה דרכים ליישב מנהג זה, לבאר מה טעם יכולים להדליק בפנים אף כשאינו שעת הסכנה.

### דעת בעל העיטור כי הואיל ונהגו בשעת הסכנה המשיכו המנהג שמא יחזור הדבר לקלקולו

בעל העיטור (הלכות חנוכה, דף קיד:) כותב: "ובשעת הסכנה מניחו על שלחנו ודיו ואחר שנהגו על הסכנה נהגו", הרי שהתייחס להמשך המנהג גם לאחר עבור הסכנה, וביארה משום 'אחר שנהגו על הסכנה נהגו', מיהו הדברים סתומים ואינם מבוארים, וטעמא בעי.

ונראה הביאור בזה על פי המבואר בגמ' (ראש השנה לב:): "משום דזריזין מקדימין למצות תקיעה נמי נעביד בראשון משום דזריזין מקדימין למצות אמר רבי יוחנן בשעת השמד שנו", והיינו שמעיקר הדין היו צריכים לתקוע בשחרית משום זריזין מקדימין למצוות, אלא משום שעת השמד תיקנו לאחר למוסף, וכמו שכתב רש"י (בד"ה בשעת): "אויבים גזרו שלא יתקעו, והיו אורבין להם כל שש שעות לקץ תפלת שחרית, לכך העבירוה לתקוע במוספין".

והקשו התוספות (בד"ה בשעת): "ואף על פי שבטלה גזרת המלכות, לא עבדינן כדמעיקרא, אף על גב דזריזין מקדימין למצות, דחיישינן שמא יחזור דבר לקלקולו".

הרי לנו מפורש בדברי התוספות, כי בדבר שנהגו בענין מסוים, והוצרכו לשנות את עניינו משום גזירת מלכות, שוב יש לנו להשאירו כך אף אחר שעברה הסיבה, ומשום חשש שמא יחזור הדבר לקלקולו.

זה יש לומר בביאור דברי העיטור, כי אחר שכבר נהגו בשעת הסכנה להדליק בפנים, שוב נהגו כן אף אחר שעת הסכנה, והיינו משום שמא יחזור הדבר לקלקולו, ובפרט שהדבר מצוי ביותר שיהיו אומות העולם מצרים את ישראל שלא להדליק נרות מבחוץ או בשאר עניני שמד, לכן יש להותיר את הדבר על כנו, ושלא להדליק מבחוץ אף אחר שעת הסכנה.

### דעת האחרונים כי בזמנינו יוצאים ידי חובה אף בהדלקה בפנים

לפי זה נמצא כי המובא בשם הגרי"ז מבריסק זצ"ל על שאין יוצאים ידי חובה שלא בשעת הסכנה, הרי הדברים מפורשים דלא כדברי העיטור ויסוד דברי התוס', ואכן הרבה מפוסקי דורינו לא חששו לדעתו של הגרי"ז זצ"ל בזה, וכמעט שהיתה דעתו דעת יחיד בענין.

ואכן השפת אמת (שבת כא: בד"ה ובשעת) מוכח בדעתו כי מקיימים מצות ההדלקה אף שלא בשעת הסכנה על ידי הדלקה בתוך הבית, וכן פסק הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל (או"ח ח"ד סי' ק"ה) וכך היתה דעת הגאון רבי אהרן קוטלר זצ"ל, וגם הגאון רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל קיבל כן להלכה (הליכות שלמה מועדי השנה ח"ב פרק י"ד דבר הלכה אות ל'), ועל כן מצד עיקר דעת הראשונים אין מקום לחוש לדעת הגרי"ז בזה.

עוד יש לציין, מה שיש המביאים (פרי אליעזר חנוכה בירורי הלכה סי' כ"ד ענף א' אות י"ב כי בשעתו כאשר הגיע הגאון רבי אהרן קוטלר זצ"ל לארצות הברית, היו שביקשו לעורר על הדלקת נרות חנוכה מחוץ לבית, שכן בארצות הברית לא היתה כל מניעה בדבר ולא היה נחשב כשעת הסכנה, אך מכל מקום מיאן הגאון רבי אהרן קוטלר זצ"ל בדבר ואמר, כי אין לשנות מן המנהג המקובל במאות השנים האחרונות להדליק בפנים, ואין בכל בכדי לשנות את המנהג.

### הנהגת תלמידי הגר"א משום החזרת עטרה ליושנה ולא מעיקר הדין

ומה שתלמידי הגר"א ביקשו לשנות את הדבר, הנה כבר מילתינו אמורה שמצד שעת הסכנה, לכאורה מקום השינוי שהיה עם עלייתם לירושלים היה נחשב יותר שעת הסכנה מאשר מקומות מגוריהם בפולין ובליטא, ועל כן לא נבע הדבר מצד דעתם להחמיר אחר שחלפה שעת הסכנה.

ויש שיצאו לדחות, כי מה שביקשו להתחיל להדליק בחצירות הבתים, היה חלק מכל רצונם להחזיר עטרה ליושנה, ולהתנהג במנהג דורות הקדמונים מזמן בית המקדש, כאשר ביקשו לילך כל היום עטורים בטוטפותיהם כמנהג ירושלים הקדמון, ועוד מנהגים שונים, ולכן אף מנהג הדלקת נר חנוכה על פתחי החצירות, לא היה אלא משום טעם זה, כך שאין בדבר משום מקום להצריך להחמיר לעשות כדעתם.

המשך בשבוע הבא אי"ה

# הרה"ק רבי ה"אהבת שלום" מקאסוב זי"ע

**דעם היינטיגן שב"ק - י"ז חשון געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן צדיק רבי מנחם מענדל מ'קאסוב, רבי מנחם מענדל בן רבי יעקב קאפל חסיד זי"ע.**

## ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי מנחם מענדל מ'קאסוב זי"ע איז געבוירן געווארן אין שטאט קאלאמייא אין יאר תקכ"ח לפ"ק.

דער אהבת שלום איז געווען א תלמיד פונעם הייליגן בעל צמח ה' לצבי, פונעם הייליגן רבי משה לייב סאסובער, פונעם הייליגן בעל יושר דברי אמת, און פונעם הייליגן דרכי צדק.

זייענדיג דריי-און-דרייסיג יאר האט מען אים אויפגענומען אלץ רב אין שטאט קאסוב.

דער אהבת שלום האט מחבר געווען די ספרים, "אהבת שלום – רצון מנחם".

דער אהבת שלום איז געזיצן און געלערנט, און האט זיך מתפרנס געווען דורך'ן טוהן מסחר, אבער נאר געטוהן לויטן געברויך וויפיל ער האט געדארפט אויף צו לעבן. נאך וואס זיינע רבי'ס זענען שוין נסתלק געווארן האט ער אנגעהויבן פירן אן עדה קדושה.

פון זיינע תלמידים ציילן זיך, הרה"ק רבי אליעזר זאב מ'בוטשעטש זי"ע, און רבי שמואל מ'שינאווא זי"ע.

דער אהבת שלום איז נסתלק געווארן אום י"ז חשון אין יאר תקפ"ו, ומקום מנוחת כבוד איז אין דעם שטאט קאסוב.

## קדושת ארץ ישראל

דער אהבת שלום איז אמאל געווען ביי א באזון מיט זיין שוואגער דער הייליגער סטרעטענער זי"ע ביים הייליגן רבי ארון לייב מפרעמישלאן זי"ע. נאכן באזון ווען ביידע זענען שוין געהאט אוועקגעגאנגען, האט זיך רבי ארון לייב אנגערופן צו זיין זוהן דער הייליגער רבי מאיר'ל מ'פרעמישלאנ'ער זי"ע: "דער סטרעטענער וועט ארבעטן אויף זיך אנצוקומען צום מדריגה, אז נאך זיין פטירה וועט מען אריבער פירן זיין קבר קיין ארץ ישראל".

**"און דער אהבת שלום וועט ארבעטן אנצוקומען צום גרעסערן מדריגה, אז נאך זיין** פטירה וועט מען אריבערברענגען קדושת ארץ ישראל צו זיין קבר"



## דער יצר הרע זאגט דאס בעסער ווי דיר

איינע פון די גרויסע מתנגדים פונעם הייליגן אהבת שלום פון קאסוב, איז אמאל אריינגעגאנגען צו אים, אז ער האלט בעפארן חתונה מאכן א קינד, און ער האט נישט קיין געלט פאר די הוצאות החתונה, הערנדיג דאס האט דער אהבת שלום אים באלד געשאנקן בסבר פנים יפות א גרויסע סומע געלט.

ווען איינע פון די משפחה מיטגלידער האבן דאס צוגעזעהן, איז יענער אריין צום אהבת שלום, און גע'טענה'ט: "וויאזוי קען דער רבי דאס טוהן, ווען מ'דארף געלט אין שטוב זאגט דער רבי אלעמאל אז ס'איז נישטא, און פאר א מתנגד האט מען יא צו געבן"?

האט דער אהבת שלום זיך צושמייכעלט, און זיך אנגערופן: "דו ביסט נישט דער ערשטער וואס טענה'ט דאס, און יענער האט דאס נאך בעסער געזאגט ווי דיר".

יענער האט זיך געוואונדערט ווער דער רבי מיינט, האט ער געפרעגט "ווער האט דאס שוין געפרעגט?"

"דער יצר הרע"! – האט דער רבי באלד געענטפערט.

*

## דאס זייגער'ל פונעם אהבת שלום

דער הייליגער עטרת צבי זי"ע פלעגט דאווענען מנחה ערב שב"ק אין די פריע נאכמיטאג שעה'ן, און זיין שמונה עשרה האט געקומען צווי צו דריי שעה, און אסאך מאל לענגער.

דער עטרת צבי זי"ע פלעגט האבן פארנט פון זיך זיין ספעציעלן זייגער'ל, און ער פלעגט כסדר טאפן דעם זייגער'ל, און קוקן דערויף אינמיטן דאווענען, ווי פארשטענדליך האט דער עטרת צבי זי"ע געהאט דערמיט הויעכע כוונות.

איינמאל איז דער עטרת צבי געווען אין שטאט ראזלא, און עס האט זיך געמאכט אז דער עטרת צבי'ס זייגער'ל האט זיך צעבראכן, און דער גבאי האט דאס געטראגן פאר א פאכמאן דאס צו פארעכטן.

פרייטאג האט זיך דער פאכמאן דערזעהן אז ער האט נישט אנגעיאגט צו פאררעכטן דעם זייגער פונעם עטרת צבי, און האט נישט געוויסט וואס צו טוהן, וויסענדיג אז דער עטרת צבי וויל דאס נישט סתם צו זעהן וויפיל אזייגער עס איז, נאר אויף עפעס העכערס אינגאנצן.

דער פאכמאן האט באשלאסן אז היות ער האט ביי זיך אין געשעפט נאך א זייגער, וואס באלאנגט פארן רב פון שטאט, הגה"ק ר' גרשון זי"ע אבדק"ק קאלאמייא, זייענדיג דאן שטאט-רב אין ראזלא, א איידעם פונעם אהבת שלום פון קאסוב, וועט ער אים פרעגן צו ער קען אויף דעם שבת געבן דעם זייגער פארן עטרת צבי זי"ע, דער רב האט דערצו מסכים.

יענע וואך ביי מנחה ערב שבת, האט דער עטרת צבי געקוקט פיל מער אויפ'ן זייגער'ל ווי א געווענליכע וואך, און ווי עס האט אויסגעקוקט האט דער עטרת צבי געהאט גרויס חביבות צו דעם זייגער'ל.

נאכן דאווענען האט דער עטרת צבי געשיקט רופן דעם פאכמאן, און געפרעגט וועמענס זייגער'ל דאס איז. אין אנהויב האט זיך דער פאכמאן דערשראקן, און זיך אנגעהויבן אנטשולדיגן אז ער האט נישט באוויזן נאכצויאגן די ארבעט פון פאררעכטן דעם זייגער'ל פאר'ן רבי'ן, דעריבער האב איך געבעטן ערלויבעניש פונעם רב פון שטאט צו פארבארגן פאר'ן רבי'ן זיינס א זייגער וועלכע איז געליגן ביי מיר.

דער עטרת צבי האט תיכף געשיקט רופן רבי גרשון, דער רב פון שטאט, און האט אים געפרעגט פון וואו ער פארמאגט דעם זייגער'ל, האט ער געענטפערט "איך האב עס בירושה פון מיין שווער דער הייליגער אהבת שלום פון קאסוב".

האט זיך דער עטרת צבי אנגערופן: "יעצט איז מיר שוין אלעס פארענטפערט, איך האב געקוקט אויף דעם זייגער, און איך האב געזעהן אז עס איז פול מיט הייליגער כוונות און יחודים, און דאס איז נישט מיין זייגער'ל, יעצט אז איך זאגט מיר אז עס איז דער זייגער פון אייער שווער, איז שוין אלעס פארשטענדליך".

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל.**

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים

מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס

ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

גלייך נאכן ארויסנעמען ווען ס'ליגט נאך אין די האלטער (שיידל) געבט מען דאס א קוש, (אנדערע קושן דאס נאכן ארויסנעמען פון די האלטער (שיידל), ווי שפעטער דערמאנט).

מ'נעמט אראפ די רצועות וואס איז ארומגעוויקלט אויפן האלטער (שיידל) [1].

מ'זאל נישט לאזן די רצועות אראפפאלן אויף דער ערד [2], נאר ליגן אויפן טיש אדער בענקל. (אויב די האלטער איז אראפגעפאלן - אן די תפילין - זאל מען עס אויפהייבן און געבן א קוש [3]).

מ'ציעט די רצועה צו מאכן א גרעסערע היקף פון די רצועה, כדי צו קענען ארויסנעמען די שיידל מ'דרייט איבער די תפילין אינעם שיידל צו האלטן די איבערשטע חלק אין די לינקע האנט, אזוי קען מען עפענען די אונטערשטע חלק פונעם שיידל, און ארויסנעמען די תפילין.

מ'איז בודק, צו די קשר פון די יו"ד איז מהודק צו די של יד.

פארן לייגן די של יד נעמט מען אראפ די פלעסטיק דעקל (בית'ל - וואס איז געמאכט צו היטן אז די עקן פון די תפילין זאל נישט ווערן אפגעריבן [4]) וואס ליגט דערויף [5], און מ'לייגט דאס צוריק ערשט נאכן מהדק זיין די של ראש [6]. (אדער גלייך נאכן של יד, פאר של ראש. ס'דא וואס נעמען נישט אראפ [7]).

די מנהג איז צו קושן די תפילין פארן לייגן [8].

ס'דא א ענין אז בשעת'ן לייגן תפילין זאל מען זיין מיטן פנים צו מזרח [9].

עפ"י זוהר איז א ענין אויסצושטרעקן די לינקע האנט בשעת'ן לייגן די של יד, אזוי ווי איינער וואס וויל עפעס איבערנעמען פון א חבר [0].

מ'לייגט ארויף די תפילין אויף די לינקע האנט (די מעברתא, צו די זייט פון די אקסל, און די יו"ד פון די רצועה, לצד הלב).

אלע מצוות מאכט מען א ברכה פאר מ'טוט דאס 'קודם לעשייתן' [1]. די דין פון מאכן די ברכה קודם לעשייתן מיינט דוקא נאר 'קודם', נאנט פארן טון די מצוה, נישט מער פון דעם, ווייל דאן ווערט עס גערופן 'קודם דקודם' לעשייתן.

וועגן דעם מאכט נישט די ברכה אויפן תפילין של יד, 'נאך פארן' ארויפלייגן אויפן קיבורת, נאר מ'מאכט די ברכה, ווען עס ליגט שוין אויפן קיבורת פארן הידוק [2].

דעריבער לייגט מען קודם די תפילין של יד ווי עס גייט ליגן א גאנצן צייט.

מ'שטעלט אויס, אז די די שווארצע זייט פונעם רצועה, זאל זיין אויף ארויס (אויך ביי רצועות וואס זענען שווארץ אויף ביידע זייטן) [3].

מ'ציעט אויף ארויס די רצועה, אז ביי די רינג ווי מ'גייט מאכן די קשירה, זאל ווערן ענגער. מ'כאפט אן די רצועה מיט די רעכטע האנט נאנט צום רינג ווי מ'איז מהדק די רצועה פון די תפילין [4]. (און ס'דא וואס לייגן די האנט נאנט צו די גוף, אז די גוף זאל העלפן האלטן די תפילין אויפן פלאץ, ביז ווען מ'וועט האלטן נאכן ברכה, און מ'וועט וועלן מאכן די הידוק).

מ'זאל אכטונג געבן נישט אנצורירן מיט די האנט מקומות המכוסים, פונעם עלנבויגן און העכער (ווייל דאס מאכט א חיוב לכתחילה צו וואשן די האנט) [5].

אויב מ'האט יא אנגערירט זאל מען כאטש רייבן די האנט אין עפעס [6].

---

1 שלחן מלכים (סי' י ס"ק קכז) 'קודם שמברך על של יד, יתיר הרצועה ויפשטנה מראשה לסופה, כדי שלא תסתבך הרצועה, ויכרח לשהות הרבה כדי להתירם ולהפרידם'. והכל כפי הענין כי כמה פעמים המציאות טוב יותר שמונח כך בלי הפשטה, וקל יותר להניח על היד.

2 מקור חיים (סי' כה סי"א) 'צריך להזהר מאד שלא יגררו אז רצועות של יד על הארץ' (ואורחא דמילתא נקט רצועו של יד שהם רגילים ליגרר על הארץ); קיצור של"ה (חולין הל' תפילין ד"ה כתב מהר"ן, בשם מהר"ן שפירא בספרו מצת שמורים); ערוה"ש (סי' מ ס"א).

אבל א"צ להתענות או ליתן פרוטה לצדקה כמ"ש הבאה"ט (סי' תקעא סק"א) 'מי שנופלין לו תפילין יתענה באותו יום, וברצועה א"צ', וכן הוא במחצה"ש (סי' מד).

אכן היו צדיקים שנהגו אחרת כהרה"ק מראפשיץ צאנז ושינאווא זי"ע, ואמרו שזהו רק למי שבא בסוד ה', עי' דרכי חיים ושלום (בהשמטות לעמ' כ), שלחן מלכים (השמטות להלכה למשה ס"ק קעז), דברי יחזקאל החדש (הליכות והלכות).

3 לקט יושר (עמ' 15): 'פ"א נפל כיסוי של תפילין בלא תפילין על הארץ, וכשמגביה אותו הי' מנשק בכיס'.

4 שו"ת זכרון יהודא (ח"א סי' טז) מביא מתלמידי המהר"ם שיק זי"ע שאמר שאם הי' הגדולים מסכימים עמו הי' 'גוזר' שכל אחד יניח תפילין עם הבית יד העשוי מנייר, יען שכמה קלקולים באים בלי זה. ורביה"ק מ'סאטמאר זי"ע לא הי' לו כלל נרתיק קטן, ולפנים הי' מצוה ג"כ לבחורים שנעשו י"ג שנים שבאו להניח תפילין אצלו שלא להניח, ואח"כ כשאמרו לו שבאים עי"ז לקלקולים, הסכים להניחם ואמר שיעשו נקבים גדולים בהנרתיק.

ויש מחמירים בכל אופן אף שלא לכסות אח"כ. ערוה"ש (סי' ל"ב ספ"ח), שו"ת תשורת ש"י (מהד"ק סי' תקי"ג), שו"ת ערוה"ב (סי' ז), ושו"ת לבושי מרדכי (תנינא סי' קע"ח, ומציין גם לשו"ת יד יצחק ח"ג סי' ערה) שאין להשתמש עם הבית יד בכל אופן שהוא משום דהוי כמוסיף על התפילין.

5 אפיקי מגינים (סי כ"ז סקכ"ט), ערוה"ש (סי' לב ספ"ח בהערה), שו"ת תפארת אדם (סוס"י א) 'בשעת הברכה נכון להחמיר שלא להיות שם הבית, אבל אחר הברכה אין להחמיר', דינים והנהגות חזון איש (פ"ג אות ח) 'כשמניח תפילין של יד מנהגו להסיר הנרתיק הקטן שעליה ומברך, ואחר הקשירה והכריכה הי' מחזירה'. ושו"ת שבט הלוי (ח"ח סי' ה) 'דלכתחילה בודאי יסיר קודם ההנחה ויחזיר אחרי הנחת תש"ר ואם החזיר בין יד לשל ראש אינו הפסק'.

6 כדי שלא להרבות בהפסקה.

7 יש שסוברים שאין הכיסוי מגרע מראיית פני האויר כי אינו מחברו להקציצה ואינו בטל לו. עי' מקדש מעט (על דע"ק סי' ל"ב אות קפ"ח, מיירי מהנרתיק), ובשו"ת זכרון יהודה (ח"א סי' ט"ז, שאין דבר זה קבוע שם, רק אחר הנחת תפילין קודם שיתן עליהם הבית יד של הבגד, נותן עליו הבית של נייר להגן ולשומרו לע"ד לית שום חשש'), ומנהג מהריי"ו (אות לא), וכ"כ שו"ת התעוררות תשובה (סי' ט"ז), וכ"כ בשלחן מלכים (סי' י' סקל"ג) שיש חותכין התיק באמצע ומשאירים רק כעמודים להגן ואין למחות למי שמניחו שלם.

8 שו"ע (סי' כח ס"ג) 'מנהג החכמים לנשק בשעת הנחתן', ובכף החיים (סקי"ח) מנהג לנשק וכו' היינו בשעה שמוציאן מן הכיס וכו'. נמצא דשני המנהגים מתי לנשק אם מיד כשמוציא מן הכיס או אח"כ קודם הנחה, מקורם בהררי קודש.

9 הקדמת אור עינים (ח"ב כלל כא) 'להניח תפילין בהצנע, פניו דייקא למזרח, ולכסות את זרועו שמאל בשעת הנחת של יד'.

10 ביסוד ושורש העבודה (שער ב פ"ט) 'בעת הנחת תפילן של יד יפשוט זרוע שמאלו היטב וז"ל הזוה"ק כד מנח תפלה של יד בעי לאושטא זרוע שמאלא לקבלה לה לכנסת ישראל ולקשרא קשרא וכו' וכ"כ האריז"ל'. וכ"כ באור צדיקים (סי' ח ס"א) 'יושיט זרוע שמאל כאדם שרוצה לקבל בסוד שמאלו תחת לראשי וימינו תחבקני'.

11 שו"ע (סי' כה ס"ח). מ"ב (סקכ"ז).

12 שועה"ר סי"ז), מ"ב (סי' כה סקכ"ה כו) 'קודם לכן, לכתחילה אין ראוי לברך, דהוי קודם דקודם, וצריך לקרב הברכה לעשיית המצוה בכל מה דאפשר'.

13 כף החיים (סי' כז סקנ"א), וכן הזהיר רביה"ק זי"ע (הליכות הלוי עמ' קיז).

14 מ"ב (סי' קסז סקכ"ב): 'אין לברך קודם שיתפוס שאין מברכין על המצות אלא סמוך לעשייתן כשהמצוה בידו לעשותה ולא קודם לכן, ובדיעבד אם בירך ואח"כ נטלו בידו ג"כ א"צ לחזור ולברך'. ומהדק הרצועה באצבע כדי להסמיך הברכה להקשירה ואף שאין להדק עד לאחר הברכה, מ"מ הידוק באצבע לא נחשב להידוק כלל.

15 שו"ת מנח"י (ח"ד סי' קיד) שהוא נוטל ידיו כאבותיו ורבותיו ומביא דברי הפמ"ג (סי' צא א"א סק"ג) שכתב 'ולהניח תפילין של ראש, יזהר בשעת הנחה, שלא יהי' ראשו מגולה, וגם לא יגע בידו בשערות ראשו דבעי נטילה', וכן החזו"א זצ"ל הי' נוהג ליטול ידיו לאחר הנחת תפילין מחשש נגיעה במקומות המכוסים. אבל הבן איש חי מובא בכף החיים (סי' ד אות צט) מקיל בזה דחשיב בכלל מגולה, והמקילין סומכין ע"ז. וכן בשו"ת תשובות והנהגות (סי' נב) כתב להחמיר ליטול ידיו אם נגע בקיבורת ושהחזו"א אמר דמי שמיקל בנטילה עובר בלאו דלא תשכח.

16 בבן איש חי (ש"א פר' תולדות בסופו) מיקל ביד שמאל אף שלא בשעת הנחת תפילין, וכותב: 'יד שמאל אפי' נוגע בפרק הסמוך לזרוע, שמניח שם תפילין, עד שני שלישי הפרק ההוא חשיב בכלל מקומות המגולים, וא"צ רחיצה כלל, אבל יד ימין שאין מניחין בה תפילין של יד, אם נגע באותו פרק שאחר פרק הזרוע צריך רחיצה דחשיב ממקומות המכוסים, כיון דאין דרך למשמש שם'. ובשו"ת שלמת חיים (סי' לב) כתב 'נראה הכל מה ששייך להמצוה אין בהנגיעה צורך נטילה, ומ"מ המחמירים תע"ב'.

ורביה"ק זי"ע הרבה הפעמים חיכך שני צדדי ידיו על הכותל משום חשש שנגע במקום המכוסה בשעת הנחת התפילין של יד כדי לברך על של ראש בידים נקיות וקש ליטול ידים באמצע, הליכות הלוי (עמ' קכא).

פ

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון • וקול שמחה • קול חתן • וקול כלה

בשבח והודי' להשי"ת שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה

הננו מתכבדים בזה להזמין כל קרובינו וידידנו שיחיו

להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים ה"ה

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

כמר **יעקב מרדכי** נ"י

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה

מרת **רבקה** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת

ביום רביעי לסדר את היי לאלפי רבבה - חיי שרה

כ"א לחודש חשון שנת תשפ"ו לפ"ק - ולמספ' Nov. 12

באולם בית צירל - קרית טאהש יצ"ו

252 Beth Halevy Boisbriand Quebec J7E 4H4

קבלת פנים בשעה 6:00 החופה בשעה 7:00

ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| **יואל פרענקל ובי"ב** | **יואל שטיינמעטץ ובי"ב** |
| מאנטריאל יצ"ו | חתן הרה"ח ר' חיים זאב מאנן ז"ל |
| | קרית טאהש יצ"ו |

---

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון וקול שמחה ... פ ... קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה

מתכבדים אנו להזמין את כבודכם לבוא ולהשתתף

בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

**מאיר הלוי** נ"י

עב"ג

הכלה הבתולה המהוללה

**רחל** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ביום ג' לסדר "את היי לאלפי רבבה" (חיי שרה)

אור ליום כ"א חשון שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט

ולמספרם Nov. 11

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

באולם בני יעקב

5237 Clanranald Avenue, Montreal, Canada

ואי"ה ביום שמחתכם ישמח לבנו גם אנו בל"נ

ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| **חיים יואל הלוי פרידמאן ובי"ב** | **משולם זישא אונגאר ובי"ב** |
| בן הרה"ח ר' שלמה הלוי ע"ה | |

---

י

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו

מהרה ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים

קול ששון ▪ וקול שמחה ▪ קול חתן ▪ וקול כלה

ברוב שבח והודאה להשי"ת על הטוב אשר גמלנו

מתכבדים אנו בזה להזמין את קרובינו וידידינו

להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש

כמר **קלונימוס אליעזר** נ"י

עב"ג הכלה הבתולה המהוללה

מרת **שינדל** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת

ביום ב' לסדר "מה' יצא הדבר" (חיי שרה)

אור ליום כ' חשון שנת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט

(ולמספרם Nov. 10)

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00

באולם בית רחל פאראדייס

5 Israel Zupnick Drive, Monroe, New York

ואי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ

ידידכם המחכים לקבל פניכם בשמחה

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| אברהם זאב יאקאבאוויטש ובי"ב | יואל גאנדל ובי"ב |
| ברוקלין יצ"ו | קרית יואל יצ"ו |

---

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו

האמנים, אנשי שלומינו תלמידי

וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע,

ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

---

ארייגצולייגן
אייער הזמנה
ביטע רופט
אריין צום
מערכת
**718.451.8674**
עקסטענשן
840

# מאנ"ש לאנ"ש

בריוון און מעסעדזשעס
פון אנשי שלומינו צו אנשי שלומינו

איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף **פאסט**
11 Van Buren Dr. #305
Monroe, NY 10950

שיקט א **פעקס**
877.760.0544

לאזט א מעסעדזש אויף **קול איחוד**
718.451.8674
Ext. 841

## וואונדערליכע געשיכטע וויאזוי רביה"ק האט צוגעהאלפן צום פראטעסט אז ס'זאל ארויסקומען די ריכטיגע מעסעדזש צו די מידיע

לכבוד די חשובע מערכת.

פאריגע וואך איז געווען זייער א שיינע בריוו איבער די קידוש השם פון די פראטעסט, מיט אן אינטערעסאנטע געשיכטעלע וואס ברענגט ארויס די טיפקייט פון א קידוש השם אויפן טאהשן שטייגער... וויל איך זאגן אז מ'קען טאקע הערן פון ר' שלמה יואל גרינהוט אליינס ווי ער פארציילט דאס אינעם אינטערוויו אויף קול איחוד אפגעהאלטן נאכן עצרת. און ער דערציילט אויך אז עס איז געווען אן אנדערע איד וואס האט געוואלט רעדן צו די מידיע אנדערע נישט גינסטיגע מעסעדזשעס, און וויאזוי ער האט מיט די ריכטיגע אהבת ישראל יענעם פארמיטן עס צו טוהן, אויפן וועג וואס דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט.

אויך איז כדאי צו הערן אינעם אינטערוויו, ווי ער פארציילט דארט די מורא'דיגע געשיכטע, וויאזוי בזכות דעם הייליגן רבי'ן האט ער געענטפערט די ריכטיגע ווערטער צו די מידיע אויף א געוויסע שאלה, וואס צום סוף האבן זיי נאר נאכגעברענגט פון אים טאקע אט דער שטארקע מעסעדזש.

און אזוי ווי די עסקנים באדאנקן זיך אינעם אינטערוויו פאר די עסקני האיחוד, וויל איך זיך באזונדער אויך באדאנקן פארזענליך בשער בת רבים אויף די גרויסע כוחות, סיי וואס אלע עסקנים און יעדער האט צוגעהאלפן, אבער אויך ספעציעל וואס האט זיך ארויסגעוויזן וויאזוי דער ציבור האט הנאה געהאט פון די פעולות האיחוד, די כסדר'דיגע מודעות און אנווייזונגען אויפן איחוד, די קלארע לייוו הוקאפ בשעת מעשה, און פארשטייט זיך די אינטערוויוס וואס איז זיך צו באלעקן די פינגער...

הצלחה רבה, כה לחי, מ.ש.פ

הערת המערכת: צו הערן די גאנצע מעשה, קען מען אריינרופן קול איחוד 718-451-8674 / 514-500-8674 עקס. 131#, די סיפור הדברים איבער דעם ענין איז ביים סוף פון די ערשטע חלק אינטערוויו מיטן איבערבליק נאכן גרויסן עצרת מחאה.

## א ריזיגן עצרת אין 48 שעה, מיט

## עסקנים אן קיין טעקסט מעסעדזש

א גוטן, איך האב יעצט געענדיגט אויסהערן די אינטערוויו אויף קול איחוד מיט העסקנים ר' שלמה יואל גרינהוט און ר' בערל קליין, קודם וויל איך מיך שטארק באדאנקן פארן מערכת האיחוד, און אויך פאר אלע עסקנים וואס האבן געארבעט צושטאנד צו ברענגען דעם גרויסן פראטעסט.

איך האב געהערט א קרישקעלע אויפן אינטערוויו, וואס איך האלט אז ס'איז זייער א שטארקע און הערליכע זאך וואס ס'איז פארגעקומען דא, און ביטע עס אריינלייגן אין די בריוון אפטיילונג מאנ"ש לאנ"ש אינעם גליון באור החיים.

ארויסברענגענדיג די שנעלקייט וויאזוי מ'האט ערמעגליכט אזא אפאראציע אין אזא קורצע צייט פון בלויז עטליכע טעג, און ר' שלמה יואל האט דערמאנט די עסקנים וואס קומט זיך קרעדיט דערצו, האט ער ארויסגעברענגט אז אין די גאנצע צוגרייטונגען און בשעתן מעמד, מיט אלע לאגיסטיק'ס אלע ריזיגע און קליינע זאכן וואס מ'האט געדארפט ערלעדיגן, איז נישט גענוצט געווארן דעם פראבלעמאטישן 'וואטסעפ' מעסעדזשינג מיטל אף גם אחד. און נאך מער, ס'איז אומגלויבליך, אז א גרויס חלק פון די עסקנים סיי פון מאנטריאל און סיי פון קרית טאהש, די טאפ עסקנים וואס האבן געארבעט אויף קעסל און כלים אויפן עצרת, האבן אפילו נישט קיין טעקסט מעסעדזש (!), און דאך איז אלעס ערלעדיגט געווארן מיט א בליץ שנעלקייט, געטראכט געזאגט און געטוהן, מיט די קאפ אויפן פלאץ מיט א געוואלדיגע סייעתא דשמיא.

ר' שלמה יואל האט ארויסגעברענגט אז טאקע ווייל מ'רעדט פון דעם סארט ציבור וואס זענען ווארים פאר אידישקייט בכלל, איז טאקע דאס די דרך הטבע וויאזוי האט טאקע אין אזא קורצע צייט געקענט געשעהן אזא זאך, און אז דאס איז טאקע אויך די שלא כדרך הטבע, אז וויבאלד אלעס איז געווען אזוי ערנסט הייליג און דערהויבן, נאר למען כבוד שמו יתברך ולמען קריאת הרבנים, האט דאס טאקע משפיע געווען א גרויסע סייעתא דשמיא למעלה מדרך הטבע.

דאס איז א געוואלדיגע חיזוק פאר יעדעם, אז מ'קען בלייבן הייליג און אפגעהיטן, און מ'קען אויפטוהן גרויסע זאכן, מיט די אויסגעהאלטענע טעכנאלאגיע, וואס דאס איז דאך אליינס אויך וואס די רבנים רעדן דערוועגן כסדר, און ס'קען גאר זיין אז ס'איז א בחינה פון מצוה גוררת מצוה, אז מ'איז מקיים דעם מצוה לשמוע דברי חכמים איבער די נושא פון טעכנאלאגיע, קען מען אויך מקיים זיין דעם מצוה לשמוע דברי חכמים און ארגאניזירן אז גרויסן מעמד עפ"י קריאת הרבנים לקדש שם שמים.



יואל
ראזענבערגער
שליט"א




כי עבר נאמן
קראת לו
בית כ"קמח אדמו"ר שליט"א
הרה"ח ר'
יעקב יוסף
כהנא
שליט"א
בנישואי בתו
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת




כולל ערב
בעזהי"ת
ברוך אשר יקים את דברי התורה
אלימלך גראד
שליט"א
יתקף לאות ולמשמרת, בהדרת הכבוד ואותות יקר ותפארת,
אשר רחש לבו דבר טוב ואין טוב אלא תורה, בנדבו סכום הגון
בקביעות למען החזקת לומדי תורה בכולל ערב דבית מדרשינו




כולל ערב
בעזהי"ת
עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכי' מאושר
שמואל גראד
שליט"א
אשר חבלים נפלו לו בנעימים, רחש לבו דבר טוב ואין טוב אלא תורה, והניף ידו
נדבה הגונה בקביעות להחזקת הכולל ערב דבית מדרשינו, וקנה שם טוב בזכות
"מחזיק הכולל"




מזלא טבא וגדיא יאה
עקיבא יוסף
ראבינאוויטש
שליט"א
מפארי הדרה ומגידי מישרים בבית מדרשינו
באירוסי בנו
כמר בנימין נ"י
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת




146 Maple Ave. (corner Decatur) Spring Valley, NY
יעקב יוסף
כהנא
בנישואי בתו תחי'




מזלא
טבא
חיים יואל
פריעדמאן
הי"ו
לרגל שמחת נישואי בנו




סימן טוב
ומזל טוב
חיים לייב
כהנא
שליט"א




ברכת מזל טוב
יואל מערמעלשטיין
SHOMRIM


בס"ד
ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד
באין כאחד ומלמדי"ם
בהאי שעתא דקא גרים, בראשית שנה זמן כפתיחת השערים,
למבצרי תורה הכבירים
הננו לברך ברכות התורה
בצדק הני
מרביצי תורה החדשים
שנתמנו בשנה זו
ללמד תורה ויראה לעדרים
בין כותלי מוסדותינו הק' האדירים
הלוא המה אלו מלמדי תורה לעדרים, אשר שמם הטוב הולך לפניהם בכל עברים בקיאים באומנותם לעשות מלאכת ה' באמונה ובלב ונפש מסורים, להשריש אהבת תורה ויראת שמים לצאצינו היקרים
מוה"ר ישראל חיים הירש שליט"א
מלמד כתה ד'
מוה"ר נחמן העכט שליט"א
מלמד כתה ה'
מוה"ר בנימין גוטמאן שליט"א
מלמד דרדקי במוסדתינו הק'
וארשת שפתינו יערב לפני שכון מרום, שיזכו לעלות ולהצליח רבות בשנים טובים ומאירים, מתוך שמחה והרחבת הדעת בכל דברים וכל אחד מתלמידיהם ותלמידי תלמידיהם יהיה להם ולפארים וכי זרע בירך ה' המה כל רואיהם יכיורים, וגם מיצואי חלצהים ומכל משפחתם ירוו תמיד עונג ורב נחת דקדושה בלי גובילם ומצרים, עד אשר נזכה בקרוב בימינו לקבל פני משיח צדקינו ומלכינו בראשינו ונאמר אמן
הנהלת
התלמוד תורה


בסייעתא דשמיא
מצמיח ישועות
ישועות דורך די תהלים
זאגען פון די תלמוד
תורה קינדערלעך
יעדע ערב ראש חודש
אצל ציון הקדוש של
רביהקוה"ט זצוק"ל
#2
געפענט א נייע טיר פון פרנסה
פארציילט א יוד אזוי: ווי יאר יערליך בין איך געווען פארגאנגענעם ל"ג בעומר תשפ"ה אין טאהש ביים ציון הק', דאס יאר מיט א ערנסטערע באדייט נאכן האבן דורכגעגאנגען א שווערע תקופה אין מיין פרנסה וואס האט מיר געמאכט שטיין אן א פרנסה פאר א היבשע תקופה,
שטייענדיג ביים הייליגען ציון האב איך געהאט די זכיה צו זיין פון די עשרה ראשונים וואס האבן אנטייל גענומען און די הייליגע מבצע און איך האב זיך דעמאלט אינטערגענומען בלויז $36 א חודש,
אהיימגייענדיג האב איך געפילט א זיכערקייט ביי מיר אז דער הייליגע רבי וועט מיר שטיין צו הילף און איך האב געפועלט אלעס גוטס, און מיט א בטחון האב איך אנגעהויבן מיין ערשטע שריט צו עפענען א פרישע ביזנעס פון דאסניי
און טאקע נאך דעם ערשטען ראש חודש האב איך אנגעהויבן זען איבערראשנדיגע שינויים לטובה בסייעתא דשמיא און זאכן האבן זיך דראסטיש ארויפגערוקט אויף זייער א שיינע אופן, עס האט זיך מיר געפענט די טויערן פון הצלחה.
און טאקע ב"ה נאך צוויי חדשים פון געבן פאר די תלמוד תורה, האב איך אריינגערופן פועל ישועות צו העכערן מיין סכום, דער אויבערשטער האט מיר טאקע געהאלפן ווייטער, און די הצלחה איז בלויז געוואקסן העכער ב"ה.
שטייענדיג יעצט קען איך טאקע זאגען מיטען פולן מויל אז עס איז ביי מיר נישט קיין ספק אז דאס איז בלויז צום פארדאנקען די שלוחים פון דעם הייליגען רבי די מפעל "פועל ישועות" וואס די תשב"ר וואס האבן מתפלל געווען און זענען ווייטער מתפלל פאר מיר א יעדן ערב ראש חודש ביים ציון הק' אז זייערע תפילות האבן עושה רושם געווען און הימל, און איך פול עס טאקע ווייטער א יעדע חודש באזונדער.
האנדלט זיך איין דעם
אומשאצבארע זכות און שטיצט
דעם רבינ'ס הייליגע ירושה
845.402.TOSH
8674
TOSH16BH@GMAIL.COM
$36 לחודש
ווען די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל יעדן ערב ראש חודש ביים ציון
$54 לחודש
ווען די הייליגע קינדער מתפלל זיין, לייגן אייער קוויטל און צינדן א לעכט יעדן ערב ראש חודש ביים ציון
פועל ישועות


בס"ד
איחוד התושבים
אינטערעסן פונעם ציבור
עפענטליכער דאנק
מיט שבח והודאה להשי"ת הממליך מלכים ולו המלוכה, טוען מיר מודיע זיין פאר תושבי עירנו אז
אונזערע אינדארסירטע קאנדידאטן האבן געווינען
מיר אנערקענען אייער מיטארבעט לטובת הכלל והפרט און מיר טוען זיך באדאנקן פאר יעדן יחיד וועלכער האט אראפגענומען פון די אייגענע צייט לטובת הציבור.
מיט'ן אייבערשטנס הילף, האפן מיר אנצוהאלטן א שטענדיגע קאמיוניקאצע מיטן ציבור אויף א כסדד'רדיגע פארנעם
ותטה לב המלכות ויועציו ושריו עלינו לטובה


בס"ד
שמחת תורה בצל הקודש
בשם די הונדערטער געסט,
וועלכע האבן געהאט די זכי'
מיטצולעבן די
ימים הנעלים והנשגבים
שמחת תורה בצל הקודש
טוען מיר ציך באדאנקען
פאר אלע תושבי העיר
מכניסי אורחים
וועלכע האבן מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים וגמילות חסדים
מיט א שמחה און א שלימות
הקב"ה ישלם שכרם
די געווינער אויף די גורל
פון $500
אין סיי וועלכע געשעפט אין שטעטל
משפחת געלב
בית הלוי #36B
יישר כח פאר בעלי הפירמע
PRIME SHOES
פאר'ן צושטעלן די דיסקאונט אין זייער געשעפט
PRIME SHOES
וועד האנשי

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

וירא - תשפ"ו לפ"ק

## דינסטאג פר' לך

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר שמעון זוסמאן הי"ו, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

ביינאכט נאך מעריב האט דער רבי געמאכט קידוש לבנה בחצר ביהמ"ד הגדול. דערנאך געוואונטשן פארן ציבור א גוטן חודש.

## מיטוואך פר' לך

פארנאכטס איז דער רבי' ערשינען צום קבלת פנים ביי די חתונה פון בת הרב אב"ד קלוזש שליט"א מגדולי פטרוני ועמודי התוך דמוסדותינו הקדושים, אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, געגאנגען באדעקן די כלה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

שפעטער איז דער רבי צוריק אין זאל, געטאנצן ריקודי קודש מצוה טאנץ לפני הכלה, דערנאך מיטן חתן און מחותנים און זיידע'ס, און א ספעציעלע טאנץ מיטן מחותן אב"ד קלוזש שליט"א.

ביינאכט זענען ארויסגעקומען קיין קריתינו הק' הרה"ג ר' מענדל ווערצבערגער שליט"א און הרה"ג ר' יהושע לערנער שליט"א, דייני קהילות סאטמאר מאנטריאל, זיך באדאנקן פאר די גרויסע הילף צום עצרת מחאה.

## דאנערשטאג פר' לך

ביינאכט האט זיך דער רבי' שליט"א משתתף געווען ביים שמחת החתונה לבית וויזניץ אין מאנטריאל, דער רבי האט געטרינקן לחיים און אנגעוואונטשן, דערנאך געטאנצן מיטן חתן און מיט די זיידע'ס כ"ק אדמו"ר מ'וויזניץ מאנטריאל שליט"א און כ"ק אדמו"ר מ'וויזניץ וומסב"ג שליט"א.

## שבת קודש פר' לך

פארן זמן האט דער רבי' אנגעטון די שטריימל פאר החתן שמשון סג"ל קרויס נ"י תלמיד ישיבתינו הק', בן הרה"ג ר' יעקב שליט"א ר"מ בישיבה"ק, עב"ג בת הרה"ח ר' יעקב יוסף כהנא הי"ו משב"ק, דערנאך געבענטשט די חתן און אנגעוואונטשן ווארימע ברכות לרוב פארן חתן ומחותנים ובני משפחה.

פארן זמן הדהל"נ איז דער רבי' ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע און די ליכט ביים עמוד, געצינדן די נרות שבת בהיכל הכולל, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א' גוט שבת'.

⬦

א שטיק צייט נאכן דאווענען איז דער רבי' אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש מכובד געווארן מוה"ר משולם פייש בראמ"י פעלבערבוים הי"ו פון וומסב"ג.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי' משמיע געווען דברות קודש ספעציעל פאר תלמידי הישיבה, אזוי אויך האבן די בחורים געהאט די געלעגנהייט צו זאגן דברי תורה פארן רבי'ן.

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש הי"ו, אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, הרה"ח ר' משה דוד שווארץ הי"ו פון בארא פארק, הרה"ח ר' אהרן קרויס הי"ו, מוה"ר ישראל אברהם הערשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל

דער רבי' האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און דערנאך ממשיך געווען בדברות קודש.

דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס מוה"ר אהרן סטאריק הי"ו פון מאנסי, שיר המעלות הב' יצחק ב"ר משה דוד שווארץ ני"ו פון בארא פארק.

דערנאך איז פארגעקומען די שלום זכור פון בן הנולד צו מוה"ר משה פעקעטע הי"ו, דער רבי האט טועם געווען פון די בונדלעך געגעבן שיריים פארן בעל שמחה און אנגעוואונטשן ברכות קדשו.

שבח נותנים מוה"ר משולם פייש פעלבערבוים הי"ו. נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג פארנט פון ביתו נאוה קודש האט דער רבי געוואונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהליםביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר ברוך גאלדשטיין הי"ו, שחרית האט געדאווענט הרב חיים אלי' ראזענבערגער שליט"א פון ומסב"ג נכד רביה"ק זי"ע

די עליות האבן עולה געווען: כהן מו"ה חיים כהן הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, לוי רבינו שליט"א, שלישי הרה"ח ר' יעקב משה פעקעטע הי"ו פון לאנדאן, רביעי מו"ה דוד מרדכי בונם לעבאוויטש הי"ו, חמישי מוה"ר משולם פייש פעלבערבוים הי"ו, ששי הרה"ג ר' יואל ראזענבערגער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, שביעי הרב נחמן לויפער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הוספות: החתן הרב מנחם שלמה ראזענבערגער ני"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן, אחרון החתן שמשון סג"ל קרויס ני"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א. הגבה מוה"ר ישעי' נפתלי כהן הי"ו פון מאנסי, גלילה מוה"ר יצחק מיכאל גראד הי"ו פון קרית יואל.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ג ר' יעקב סג"ל קרויס שליט"א ר"מ בישיבה"ק. פתיחה צו אנעים זמירות הרה"ח ר' משה דוד שווארץ הי"ו.

נאך מוסף האט זיך רבינו שליט"א משתתף געווען ביים קידושא רבה לכבוד די שמחת הבאווארפן פון נכד גיסו כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, און געוואונטשן מזל טוב.

⋄

קורץ נאכן דאווענען איז דער רבי אריינגעקומען צום שלחן הטהור בהיכל הכוללים, אינאיינעם מיט די תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים, מיט הגבהת הכוס צו קידוש איז מכובד געווארן הב' שלום אלי' סג"ל יונגרייז ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי מו"ה אביגדור דניאל הורוויץ הי"ו, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' יצחק מיכאל גראד הי"ו, שיר המעלות הב' שלום לאבין ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, בן אב"ד זידיטשוב דראהביטש שליט"א.

דערנאך האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג. אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה מוה"ר אהרן אלעזר סג"ל יונגרייז הי"ו. די עליות האבן עולה געווען ראשון הב' אלימלך זכרי' סאקס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, שני מוה"ר ישראל אברהם הערשקאוויטש הי"ו, שלישי הרה"ח ר' משה דוד שווארץ הי"ו, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מוה"ר אהרן סטאריק הי"ו.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' אלתר אליעזר סג"ל לאווען הי"ו, מו"ה משה פעקעטע הי"ו, הרה"ג ר' יעקב סג"ל קרויס שליט"א, הרה"ח ר' יעקב זוסמאן הי"ו משב"ק.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, שיר המעלות הב' חיים אלעזר ב"ר ישראל מרדכי פעלבערבוים ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי איז צוגעגאנגען צו תפילת מעריב, נאך מעריב איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א גוטע וואך א גוט יאר.

הגבהת הכוס החתן שמשון סג"ל קרויס ני"ו תלמיד ישיבה"ק, די הבדלה האט געהאלטן החתן יצחק ב"ר יעקב געלב ני"ו תלמיד ישיבה"ק.

דערנאך האט דער רבי פארציילט שיחות קודש.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

⋄

נאך קבלת קהל האט זיך דער רבי משתתף געווען ביים סיום הנהדר במסגרת חבורת מזון הנפש, אינאיינעם מיטן מסיבת שבע ברכות כאות הכרת הטוב פאר אב"ד קלוזש שליט"א פטרון החבורה, אין די זאלן פון בית צירל אין קריתינו הק'

דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש, און נאכן סיום איז פארגעקומען געהויבענע ריקודין לכבודה של תורה, אזוי אויך האט דער רבי געטאנצן מיטן חתן און מחותן אב"ד קלוזש שליט"א.

